132

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור


נומער 2 (העפט 133) **צוועלפטער יאָרגאַנג** פעברואַר 1951 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


אינהאַלט:


1. מאַמע לשון; 2. צו די וואָס האַסן יידיש......................** 1

ווער איז שולדיק.................................מאיר צעלניקער 4

בוימלעך אויפן וועג (ליד)...................אריה שדמי־שאָפּענפעלד 7

די שטילע מלחמה צווישן די טרייסטער און די אבלים
(המשך פון ראָמאַן „שבעה“)..........................לעאָ קעניג 8

די אייביקע ים־שטילקייט (פּאָעמע)...............אביגדור המאירי 12

נישטאָ קיין מזל... (הומאָרעסקע)....................קייטי בראון 16

אומרו... אָרכידייען, אַטאָם־באָמבע, יידישע אויסן־פּאָליטיק
(לידער און צייט־לידער)......................א. נ. שטענצל 19

ווי אַזוי איך האָב געזען ארץ ישראל (שלוס)............צבי אָרנשטיין 23

שיר העבודה (ווערטער און נאָטן).................................... 29

יוסף הלל לעווי אַ בן שישים.....................בן־א. סאָכאַטשעווסקי 30

ווער דאַרף דאָס יידישע בוך ? ! (עסיי)................יוסף הלל לעווי 34

וועגן בוך „אַליין“ פון משה שטיינהאַרט (רעצענזיע)..יחזקאל בראָנשטיין 39

„שפּראַך און דערציאונג“ (רעצענזיע)...............אליהו פּאלושאַק 41

פון דער ליטעראַרישער וועלט אין ישראל (באַריכט פון אַ יידישן
קינסטלער אָוונט אין תל־אביב)..................אפרים טויבענהויז 44

די פאַרזאַמלונג ביי „פריינט פון יידיש לשון“ (באַריכט פון דער
יאָרלעכער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג)..........................גיטל 45

לאָנדאָנער קולטור ידיעות.................................... 47

מיטטיילונג איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס.................... 48


**פּרייז: 1 שילינג און 6 פּענים**

אבאָנענטס־פּרייז: —19/6 פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד: —5 דאָלאַר אַ יאָר

1/9 פאַר אַ פּראָבע נומער


*By Appointment, Dealer in Antiques to H.M. Queen Mary*

## CAMEO CORNER

### ALMANAC OF JEWELS

exhibited monthly in the main window

*January* — *Renaissance Jewellery.*
*February* — *Boxes.*
*March* — *Sculpture by Mosheh Oved.*
*April* — *Curios.*
*May* — *Stuart Jewellery.*
*June* — *Children's Jewellery.*
*July* — *Cameos and Intaglios.*
*August* — *Georgian and Victorian Jewellery.*
*September* — *Antique Jewish Ornaments.*
*October* — *Oriental Jewellery.*
*November* — *Precious and semi-precious Stones.*
*December* — *Devotional Jewels and Christmas Presents.*

**26 MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1**

*Museum* 0401

CLOSED ALL DAY SATURDAYS

## LEYTON KNITWEAR CO. LTD.

*Manufacturers of*
*Knitted Goods and Sportswear*

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**



*Published and Edited by* A. N. Stencl, 50, Philpot St., London, E.1

*Printed in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*

## א וואָרט אין צייט — וויכטיקער אויפרוף!

די לאַגע פון יידיש, פון דער יידישער קולטור אין אונזער ישוב איז אונז אַלע איצט שוין קלאָר. אַ בידנע אָרעמע יידישע צייטונג, וואָס מיר האָבן דאָ געהאַט, איז אויך שוין אונטערגעגאַנגען. און מיר זעען נאָך גאָר נישט, — ביי אונזער גאַנצן אָפּטימיזם! — אַז אַ צווייטע זאָל אַזוי גיך קומען אויף איר פּלאַץ. שוין אַריבער צוויי חדשים, ווי דער אומבאַהאָלפענער יידישער לעזער אין מלכות ענגלאַנד פרעגט זיך טאָג איין טאָג אויס: ווען וועט שוין דערשיינען די צוגעזאָגטע נייע יידישע צייטונג און — אין קול ואין עונה!

„לשון און לעבן", דער איינציקער ליטעראַרישער חודש־זשורנאַל, וואָס דערשיינט שוין דאָ ביי אונז דאָס צוועלפטע יאָר, וויל מיט דעם אויפרוף נישט אָנוואַרפן אַ שרעק אויף זיינע לעזער, אַז אויב מען וועט נישט קומען צו הילף, וועט ער זיך אויך מוזן שליסן — יידישע קולטור אַרבעט שטייט נישט אויף קיין „אויב", יידישע קולטור־אַרבעט, — ווי קולטור ביי אַלע פעלקער! — שטייט אויף דעם פעסטן ווילן, און אויף די טאָג־טעגלעכע באַמיאונג און אָנשטרענגונג, פון די וואָס קולטור איז זייער אינערלעכקייט און גייסטיקער עקזיסטענץ.

דער זשורנאַל „לשון און לעבן" איז די איינציקע באַרעכטיקונג וואָס אונזער ישוב דאָ איז נאָך אָנגעשלאָסן אין אונזערע גייסטיק שאַפנדיקער יידישע עדה.

פריינט פון יידישן וואָרט, פריינט פון דער יידישער ליטעראַטור און קולטור, מיר ווענדן זיך צו אייך אין דער איצטיקער קריטישער צייט צו שטיין אונז ביי דער זייט, צו שטיצן אויף יעדן אופן אונזער זשורנאַל. דער עיקר צו ווערן אַליין אַן אַבאָנאַמענט און צו שאַפן פרישע אַבאָנאַמענטן צו צאָלן רעגלמעסיק דעם יערלעכן אַבאָנאַמענט, אַריינצוגעבן אַנאָנסן, געשעפטלעכע און געזעלשאַפטלעכע.

מיר ווענדן זיך צו אייך, שטיצט אונזער יידישע קולטור־טעטיקייט, דאָס איינציקע און ביסעלע וואָס גייט נאָך דאָ אָן מיט שווערער מי און גרויס מאַטערניש. לייגט צו אַ העלפנדיקע האַנט וועט די אַרבעט זיין וואָגיקער; העלפט צו מאָראַליש און מאַטעריעל, אַז מיר זאָלן קאָנען אָנגיין אויף אַ בעסערן און שענערן אופן. עס וואָלט דאָך געווען אַ בושה אין פנים און אַ ווייטיק אין האַרץ, אַז אונזער ישוב דאָ זאָל חלילה ווערן אינגאַנצן אַן אבר המדולדול פון יידישן גוף.

* * *

וויכטיק איז אויך צו באַזוכן די יידיש ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס, וועלכע קומען פאָר רעגלמעסיק, שוין דאָס 14־טע יאָר יעדן שבת, 3 אַ זייגער, 33 בערנער סט., א.1. קומט און העלפט צו, אַז די אָוונטן זאָלן זיין ברוב עם אויף דער יידישער גאַס. דער איינטריט איז פריי — איר האָט אַ גייסטיקן גענוס און איר זענט אין אַ יידישע אַטמאָספערע איניקע שעה, איר הערט רעציטאַציעס, געזאַנג און פאַרלעזונגען און פאַרשידענע וויכטיקע רעפעראַטן.

---

אין אַלע ענינים, אָנפראַגעס און געלדשיקונגען בעטן מיר זיך צו ווענדן אויפן אַדרעס פון אונזער סעקרעטאַר:

N. RUBIN, 193 Evering Road, Upper Clapton, E.5.

# לשון און לעבן


חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

נומער 2 (העפט 133) צוועלפטער יאַרגאַנג פעברואַר 1951 לאָנדאָן


## מאַמע לשון

### I

מסתמא וועלן געלערנטע אַמאָל אַרויסגעפינען דעם ריכטיקן טעם און די אמתע סיבה פאַרוואָס דווקא יידיש איז געקרוינט געוואָרן מיטן נאָמען „מאַמע לשון". און אפשר וועלן זיי דווקא גאָר וועלן באַווייזן, אַז נאָך „גלות"־שפּראַכן האָבן געטראָגן אָט א דעם „סענטימענטאַלן" נאָמען . . .

אונז אָבער, דאָ אַצינד, גייט עס נישט אין דעם וואָס פאַרשער וועלן ענטדעקן און וויסנשאַפטלער וועלן דערפינדן — עס גייט נישט דאָ אין דער עקזאַקטער אָביעקטיוויטעט פון דער ריינער וויסנשאַפט, כביכול . . . עס ווילט זיך אַרויסזאָגן עפּעס וועגן אַן אינטימען אינערלעכן ענין אויף אַריין סוביעקטיוון אופן — אויף אַריין סענטימענטאַלן!

איז קודם, כדי צוצוקומען נענטער צום אָביעקט, עפּעס איבער דעם וואָרט מאַמע, וויסנשאַפטלעכער גערעדט: איבער דעם טערמין „יידישע מאַמע". ווארים אויך דאָס וואָרט, דער טערמין, וואָס האָט דורות־לאַנג געטראָגן די קעניגין קרוין אויפן קאָפּ, איז אויך לעצטנס, — ווען נישט אינגאַנצן ענטרוינט! — אַראָפּ אַביסל פון דער מדריגה; ס'איז בלי ספק געשטעלט אין פראַגע: די יידישע מאַמע שטייט איצט אויך צווישן די זאַכן, איבער וועלכע סע גייט ביי דער יידישער אינטעליגענץ אָן אַ שטיק שנוי־ערכין . . .

אפשר וואָלט איך אויך אַריינגעפאַלן צווישן די צוויפלער: טאַקע, וואָס איז די מער מיט דער יידישער מאַמע? און אַן ענגלישע מאַמע איז נישט קיין מאַמע? אַ קריסטלעכע מאַמע האָט נישט צאַרטע מוטער־געפילן? האָט אָבער „די יידישע מאַמע", — דאָ געמיינט: דאָס סענטימענטאַלע גאָרנישט אינטעליגענטע ליד, מיט אָט דעם נאָמען, — צונישט געמאַכט דעם גאַנצן שנוי־ערכין...

ווי געזאָגט, עס האַנדלט זיך דאָך מכוח אַן אינטימען אינערלעכן ענין, און נישט אין עקזאַקטע וויסנשאַפטן, וועל איך אָנהייבן מיט אַ דערפאַרונג, מיט אַ דערלעבעניש:

עס האָט זיך געטראָפן, אַז איך בין געוועזן איינגעלאַדן אויף אַ נעגערשמחה, און זיי ווי „פּראָפעשענעלס", ווי מאַדימס פון געזאַנג און טאַנץ, זיינען ממש אַריין אין אַ טראַנס פון טאַנצן און זינגען: יעדער איינער פאַר זיך ביחודות און אַלע צוזאַם, און יעדער פאַכמאַן און באַרימטקייט האָט זיך באַוויזן אין זיין גלאַנץ — די עקזאַטישע שמחה האָט זיך געצויגן ביז לאַנג נאָך האַלבער נאַכט!

מיט אַמאָל האָבן זיך אַלע עלעקטרישע לעמפּ אויסגעשלאָשן און אַרום די אָנגעצינדענע פּייערלעכע־ליכט האָט זיך די גאַנצע שוואַרצע מאַסע אַ שטעל אויף געגעבן אַרום די טישן, ווי צו עפּעס אַ פאַנטאַסטישע, הייליקע צערעמאָניע: — ווי צו אַ וואַקכאַנאַליע, — איך בין געווען געפּאַסט אויף אַלעם! — און אַ פרויען קול האָט גענומען זינגען „די יידישע מאַמע“. עס האָט געקלונגען ווי אַ הימנון צו דער מאַמע פון דער וועלט, ווי אַ תּפילה פאַר אַלע מאַמעס פון דער וועלט — — — — — — — — — — —

## II

אַלנפאַלס, אַז מיין דאָקטאָר (און ווער האָט די טעג נישט צו טון מיט אַ דאָקטאָר!) האָט מיט מיר דאָס מאָל ווייטער, — אויף אַן איראָנישן שטייגער פאַרשטייט זיך, — געוואָלט אויפנעמען מיט מיר דעם וכוח מכוח די יידישע מאַמע האָב די דיסקוסיע אויפגענומען אין איר גאַנצן פאַרנעם:

יאָ, הער דאָקטאָר, איר זענט כשר גערעכט, אַ נישט יידישע מאַמע גייט אום מיט אירע קינדער אַ סך בעסער, ווי אַ יידישע; זי דערציט זיי אָרנטלעכער, מענטשלעכער, — זי פאַרציט זיי נישט! זי פאַרפּיעשטשעט זיי נישט! און ווען איר קומט צו אַ קראַנק קינד, ווערט מסתמא די נישט־יידישע מאַמע אויספירן אייערע באַפעלן אַ סך עקזאַקטער און קאָרעקטער — — —

אָבער זעט איר, דאָקטאָר, דאָרטן, ביי יענעם קראַנקן קינדער־בעטל, אַז איר וועט שוין אויפגעבן אייער גאַנצער וויסנשאַפט, ווי קיין שום „מאַסנעמען“ און לאַטייניש רעצעפּטן וועלן שוין דעם קראַנקן נישט מער קענען העלפן דעמלט ערשט הייבט זיך אָן — די יידישע מאַמע! די מוטער פון אַלע כוחות, וואָס קען פאַרענדערן די מעשׂה בראשית. עס איז די שעפערישע נערוואָזיטעט, עס איז די יצירה־משוגעת צו וואָס אַ יידישע מאַמע איז פעאיק, — ווערט „אומפאַראַנטוואָרטלעך“! — אין אירע דערפינדערישע האַנדלונגען.

יאָ, וויפיל יידישע מאַמעס האָבן שוין זייערע טויטע קינדער אָפּגעשריגן מיט זייערע „משוגענע“־געשרייען; זיי דעם קריזיס מיט איין רגע פאַרלענגערט. — די נויטיקע רגע! — און ביים לעבן זיי דערהאַלטן. ווי טיף קאָן זיך דאָס אַ יידיש מאַמע־הארץ דערנידריקן און דערהויבן, פאַר איר קינדס וועגן, — —

לייענט דאָך די יידישע ליטעראַטור, לייענט דאָך, הער דאָקטאָר, דאָס מאַמע־מאָטיוו ביי שלום אַש׳ן אַליין כאָטש, וועט איר דאָר דערזען — — — — — — — — — — — — — — —

(און איך, דאָס אָרעמע וויטשעפּל יינגל, ווער, מיינט איר, האָט עס געמאַכט פאַר אַ דאָקטער? אַט־אָ די „אומפאַראַנטפאָרטלעכע“ יידישע מאַמע!... אירע גדלות־ און שפלות־נערוואָזיטעטן, איר ביז משוגעת אָנגעגליטע פאַנטאַזיע, איר קינד אַרויסצוהייבן פון אָרעמקייט און שפלות, האָט עס דער מעגלעכקט...)



## III

און אַצינד, אַז מיר האַלטן שוין ביי יידישער ליטעראַטור, זיינען מיר דאָך שוין צוגעקומען צו אונזער ענין, צו דער אָנגעהויבענער טעמאַ.

יאָ, טאַקע דערפאַר איז יידיש געקרוינט געוואָרן מיט דעם נאָמען מאַמע לשון, ווייל ווי אַ מאַמע, — אַ יידישע מאַמע! — איז יידיש אונז געשטאַנען צוקאָפּנס אין די געפערלעכסטע יאָרן, אין די סכנותדיקסטע טעג. אין די רגעס ווען אונזער נשמה האָט שוין געפּאָכט, האָט זי אונז דערהאַלטן ביים לעבן — טויטע שוין, האָט זי אונז אָפּגעשריגן מיט איר „משוגע“־געשרייען, מיט איר יאָמער געוויינען און מיר זיינען צוריק לעבעדיק געוואָרן.

וואָלטן מיר דען אַרויס לעבעדיקע שוין פונם מיטל־אַלטער אָן אונזער יידיש!

מיר וואָלטן דאָך איינגעשלאָפן ערגעץ ביי דער טרוקענער גמרא, ווען נישט די מאַמע מיט איר געזאַנגען ביי דער „צאינה וראינה“! מיר וואָלטן דאָך אויס־געגאַנגען אויף דער טרוקענער בית־מדרש־באַנק, ווען נישט דער וויגנדיקער ניגון אַרום די יידיש־צערעדטע רבישע טישן.

און איז עס דען נישט ווידער געווען די שפחה־יידיש, וואָס האָט געגאַנטשעט און געקאָרמעט און אויפגעצויגן די בת־השמים מיט די השכלהשע בלאַסע־באַקן און געמאַכט פון די גבירישע גברת די געזונטע חלוצה. און ווער האָט ביאַליקס המתמיד אויסגעגלייכט די פּלייצעס און אים געגעבן די לאָפּאַטע אין דער האַנט אַריין צו גראָבן די ערד.

די העברעאישע ליטעראַטור וואָלט געווען געבליבן ביי אירע טיטלדיקע מורה מורינודיקע מליצות, ווען נישט, מאַמע יידיש, וואָס האָט זיך איר אָפּגע־געבן מיט לייב און לעבן.

וועקט אויף אונזערע אַלע השכלה־דאָקטורים און פּראָפעסאָרן פון זייערע קברים און פרעגט זיי, אָבער מיט זייערע גאַנצער וויסנשאַפט זיי קאָנען דאָס פאַרשטיין, ווי אַזוי פון אונזערע קראַנקע און שטאַרבנדיקע שטעטלעך זיינען אַרויסגעוואַקסן אונזערע קלאַסיקער, האָבן זיך געכאָוועט אַזעלכע שרייבער ווי וויסנבערג און יונה ראָזענפעלד, וו אַזוי מיר האָבן געשאַפן אַ מאָדערנע דיכ־טונג, וואָס קאָן זיך פאַרגלייכן מיט די שאַפונגען פון אַלע פעלקער — — — „אויב נישט נאָך העכער“ — — — — — — — — —

און אַצינד, אין אונזערע טעג, אַז מיר לעבן נאָך, אַז ישראל בויט זיך דאָך איז עס נישט מאַמע יידיש מיט איר יצירה־משוגעת, וואָס פאַרלענגערנדיק די רגעס פון אונזערע קריזיסן, — אָפּשרייענדיק דעם טויט! — דערהאַלטן זי אונז ביים לעבן.

צוקאָפּנס אונז זיצט זי איצט, די מאַמע יידיש, און פון אַלע אונזערע קראַנקע און פיבערדיקע ספקות אַרויס, וויגט זי אונז איין צום לעבן. מיר פילן איר קוש אויף אונזערע שטאַרבנדיקע ליפּן און מיר עפענען אויף די פיבערדיגע אויגן און מיר שעפּטשען: מאַ—מע — — —

## צו די וואָס האסן יידיש

„יידיש איז טויט“, „יידיש איז געשטאָרבן“ —
עס זיינען אייערע ליפּן נישט ווערט צו ריידן
די שפּראַך פון יענע אומגעקומענע,
אויסגעגאַנגענע אַזוי אין קדושה און ליידן.

דערפאר איז יידיש אַ מאמע לשון,
די מיליאָנען קדושים האָט זי איינגעזונגען,
גלייך אַ מאַמע אין שויס אַ ווײנענדיקס,
און מיט זיי אומשטערבלעך בלייבן ס׳איז איר געלונגען.

אַז איר וועט די גרויסע זכיה האָבן,
וועלן אייערע קינדער נאָך אייך אין דעם לשון,
אַ קדיש זאָגן, אַ תחינה מורמלען,
ווען אייערע לעבנס וועלן זיין אויסגעלאָשן.

---

## מאיר צעלניקער

### ווער איז שולדיק?

אין חודש אויגוסט 1949 נאָך אַן 18 יאָריקן ביטערן קאמף פאַר דער עקזיסטענץ פונם יידישן טעאַטער אין לאָנדאָן, האָב איך מיט אַ פארביטערט האַרץ געמוזט פארלאָזן די יידישע בינע כדי זיך שאַפן אַ בעסערע עקזיסטענץ אויף דער ענגלישער בינע. מענטשן האָבן מיך אָפטמאָל געפרעגט וואָס איז די סיבה וואָס האָט מיך באַוויגן דאָס צו טאָן? אַ באקאנטער יידישער שרייבער האָט זיך אַפילו אין מיין קעגנוואָרט אויסגעדריקט אַז איך האָב דעזערטירט! דער אמת איז אַז קנאַפּע דריי יאָר האָב איך געקעמפּט מיט זיך אַליין — אויב איך זאָל מאַכן דעם געוואַגטן שריט... ליידער איז נישט געווען קיין אַנדער אויסוועג. איך בין אַריבער צו די גויים, איך בין זיך מודה אַז מיין גוף האָט מער פראָפיטירט ווי מיין האַרץ און נשמה, יעדן אָוונט ביים דערשיינען אויף דער בינע אַן אויסגערוטער... אַ זאַטער... ציטערט מיין נשמה, און מיין האַרץ טרויערט באַווײנענדיק דעם גרויסן יידישן חורבן לאָנדאָן; לאָנדאָן וואָס האָט צוריק מיט צוואַנציק יאָר פאַרמאָגט צוויי יידישע טעאַטערס, מיט אַ גרויסן טעאַטער עולם, צוויי טעגלעכע יידישע צייטונגען, אַן אָוונט צייטונג, אַחוץ אַנדערע וועכנטלעכע אויסגאַבן — אָט דאָס יידישע לאָנדאָן איז היינט אַ מדבר, אַ גרויסע וויסטע מדבר...





אין סוויס־קאָטעדזש געפינט זיך דאָס „עמבעסי טעאַטער“. אָט דאָס טעאַטער האָט אַ געזיכערטע עקזיסטענץ אַ דאנק די טויזנטער פּרייוויליקע מיטגלידער צווישן זיי אויך הונדערטער יידן וועלכע האָבן זיך באַשטייערט מיט צוויי גינעס אַ יאָר. אויף טעשרינג קראָס אין אַ זייטיקן געסל געפינט זיך דאָס קליינע „אַרטס טעאַטער“ מיט טויזנטער מיטגלידער, צווישן זיי אויך הונדערטער יידן מיט אַ ביישטייערונג פון צוויי גינעס אַ יאָר. אָט אַזעלכע געזעלשאַפטלעכע קליינע טעאַטערע געפינען זיך כמעט אין יעדן לאָנדאָנער דיסטריקט, ווי אויך אין אַלע פּראָווינץ שטעט, אָבער נישט קיין יידיש טעאַטער! אָפטמאָל האָבן מיך ענגלישע שוישפּילער געפרעגט פאַר וואָס מיר האָבן נישט קיין יידיש געזעלשאַפטלעך טעאַטער? ווער איז שולדיק?

לעצטנס האָב איך באַזוכט די „גרענד פּאלעי“, זיך פּשוט פארבענקט נאָך אַ יידישע פאָרשטעלונג, אָבער די ליידיקייט האָט אויף מיר אָנגעוואָרפן אַ מורא, איך בין פּשוט דערציטערט געוואָרן... און דאָך זענען די שוישפּילער דערשינען אויף דער בינע מיט אַ הייליקן ציטער פילנדיק זייער אחריות און געשפּילט אַ ציכטיקע פאָרשטעלונג פול מיט האַרץ און נשמה גלייך ווי דאָס טעאַטער וואָלט געווען פול געפּאַקט מיט מענטשן. ס׳איז אָבער געווען כמעט ליידיק. לאָנדאָן! מיט אַ קנאַפּן פערטל מיליאָן יידן! און דאָס איינציקע קליינע יידיש טעאַטער פּוסטעוועט. ווער איז שולדיק?

אין לאָנדאָן דרייט זיך אַרום אַן אַלטער מאָהיקאַנער, אַ לעבעדיקער לעקסיקאָן... אַ שטיק געשיכטע פונם יידישן טעאַטער, אַ תלמיד פון אברהם גאָלדפאַדן, דאָס איז דער בארימטער שוישפּילער מאָריס אקסעלראַד. אַקסעלראַד האָט דאָ אין לאָנדאָן געשפּילט טעאַטער פאר אייערע טאַטעס, מאַמעס, זיידעס און באָבעס, דערקוויקט טויזנטער הערצער, און וואָס האָט ער דערגרייכט? וואָס דערוואַרט אים מאָרגן? ביי די גויים ווערט אַזאַ איינער באַהאַנדלט מיט ליבע און צערטלעכקייט, ער ווערט אָפּגעהיט ווי אַן אבן־טוב. אָבער ביי יידן? פאַרגעסן פון אַלע, קיינער אינטערעסירט זיך נישט מיט אים, גלייך ווי ער וואָלט גאָרנישט עקזיסטירט. ווער קען אים טרייסטן דעם אַלטן עלנדן מאָהיקאַנער אין דער גרויסער וויסטער מדבר לאָנדאָן!?...

ווער איז שולדיק? דער אַקטיאָר? ניין! דער יידישער אַקטיאָר האָט שוין נישט מער וואָס צו געבן, ער האָט אַלצדינג מקריב געווען פאַרן יידישן טעאַטער. זיינע בעסטע יונגע יאָרן, זיין לעבן מיטן געזונט אַוועקגעגעבן, ער האָט הייליק געגלויבט ער וועט זיך קענען אויסלעבן אויף דער יידישער בינע. און וואָס האָט ער דערלעבט? אַ פאַרשעמטער, אַ פאַרגעסענער, אַן אַנטוישטער אָן אויסזיכטן פאר אַ בעסערן מאָרגן... שטייט ער אַ פאַרצווייפעלטער קוקנדיק אויף דעם חולה מסוכן וואָס הייסט יידיש טעאָטער און זעט ווי די כוחות פאַרלאָזן אים, ער צאנקט — אָט... אָט... און ער וועט אויסהויכן די נשמה... און קיינער וויל נישט העלפן ראַטעווען. קיינער וויל נישט ברענגען קיין רפואה. ווער איז שולדיק?

דאָס רייכע לאָנדאָן מיט אַ גרויסן יידישן ישוב קיין עין הרע, וואָס האַלט אויס צענדליקער אָרגאַניזאַציעס, מיט פּרעכטיקע שולן וואָס פּוסטעווען אַ גאַנץ יאָר; מיט חזנים, רבנים, שמשים, און אַנדערע כלי־קודש, אָבער אַ קליין יידיש טעאַטער וועלכעס זאָל ווייטער קענען טראָגן דאָס יידישע וואָרט פון אונזערע גרויסע יידישע קלאַסיקער, דאָס ווילן זיי נישט אויסהאַלטן! אָפּטמאָל איז מיר אויסגעקומען צו הערן טענות פאַר וואָס ווערט אין יידישן טעאַטער נישט געשפּילט קיין בעסערער רעפּערטואַר? מיין ענטפער איז אַז די יחידים פאַר אַ בעסרן טעאַטער זענען אַזוי קליין אין צאָל, אַז מ׳קען זיי קוים איבערציילן אויף צוויי הענט... און פאַר אַזאַ קליינער צאָל קען קיין בעסערער טעאַטער נישט עקזיסטירן אָן אַ געזעלשאַפטלעכע אונטערשטיצונג. ערשט נישט לאַנג האָט אַ טעאַטער חסיד געוואַגט זיך אויסצודריקן אַז פאַר אַ בעסערן טעאַטער זענען אין לאָנדאָן פאַראַן גרויסע יידישע מאַסן. וויל איך פרעגן: ווו זענען געווען די גרויסע מאסן ווען אידא קאמינסקאַ, יוסף בולאוו, זיגמונט טורקאָוו האָבן אַקטואירט אין לאָנדאָן? ווו זענען געווען די גרויסע מאַסן ווען מיר די לאָנ־דאָנער שוישפּילער האָבן אויף אונזער אייגענער אחריות געשפּילט אַ בעסערן רעפּערטואַר? נישטאָ קיין ענטפער! ווער איז שולדיק? אין וואַרשעווער געטאָ, ווען די נאַצישע חיה האָט געזייט טויט און פאַרניכטונג, האָבן יידן פאַרלאַנגט יידיש טעאַטער, האָבן יידן געדרוקט אין געהיים אַ קליינע יידישע צייטונג, און ווען די געפאַר איז געוואָרן גרעסער האָבן יידן אויף צו להכעיס די שונאים געשאַפן אַ לעבעדיקע צייטונג, אויך קליין קונסט אָוונטן. אָט דאָס האָבן יידן געטאָן אין אַ געטאָ ווען טויט האָט געהאנגען איבער יעדן איינעם. און וואָס האָט דאָס ענגלישע יידנטום ביז היינט אויפגעטאָן? מיאוס באַנקראָטירט... זיך אויסגעטאָן פון אַלעמען און אַרויסגעשטעלט די העסלעכע נאַקעטקייט... מיר האָבן נישט קיין טעאַטער, נישט קיין יידישע צייטונג, נישט קיין שום באַדערפעניש פאַר גייסטיקע שפּייז...

מיר פאַרמאָגן דאָ גרויסע טאַלאַנטן פון קינסטלער, שרייבער, דיכטער, נאָר מיר האָבן נישט קיין יידן!

זאָל איך גלויבן אַז די היגע יידן האָבן פארלוירן די יידישע מענטשלעכע צורה? זאָל איך גלויבן אַז זיי זענען שוין אַזוי טיף געזונקען? זאָל איך גלויבן אַז זיי ווילן פארלייקענען דאָס הייליקסטע וואָס איז זיי געבליבן בירושה פון זייערע עלטערן?

וואַכט אויף יידן! וואַכט אויף יידישע מענטשן! וואַכט אויף כל זמן ס׳איז נאָך פאראַן איין פונק לעבן... ראַטעוועט אָפּ דאָס וואָס איר אַליין האָט צו־שטערט, און וואָס באַלאַנגט צו אייך. באַצאָלט אייער לאַנג־יאָריקן חוב וואָס איר זענט שולדיק!

## ווערט א מיטגליד פון „פריינט פון יידיש־לשון“
## אבאנירט „לשון און לעבן“
## אנאנסירט אין דעם איינציקן יידישן זשורנאל אין ענגלאנד



## אריה שדמי־שאַפּענפעלד (קיבוץ דן)

## בוימלעך אויפן וועג

בוימלעך גרינינקע ביים וועג,
אעקאליפּטוסן נאָך קליינע —
אומעטום און אונזער לאַנד
דעם שאָסיי באַשיינען.

שפּראָצן, בליען ביים שאסיי,
רייסן מיט געוואלד זיך צו די הויכן,
און שטעלן אויף אַ רגע זיך נישט אָפּ —
ווען בוימל ווו אַ קליינס ווערט געשטרויכלט.

שורה לאַנגע, דינינקע צעבליט —
זי מאָלט אַ גרינעם פּאַס אויףביידע זייטן,
צעצווייגט זיך און צעבלעטלט
אַ שטאלצע, אַ פארשנעפּלטע, פארשייטע.

בוימלעך יונגעטשקע ביים וועג,
צעשמייכלטע אין ווינד זיך וויגן;
זאגן הלל צו דעם לאַנד
אויף אַ בוימערישן נגון . . .



דער דיכטער אריה שדמי־שאַפּענפעלד מיט זיין ווייב און קינדערלעך אין קיבוץ דן.

לעא קעניג

# די שטילע מלחמה צווישן די טרייסטער און די אבלים

(קאַפּיטל 7. פון ראָמאַן „שבעה")

אָבער זעלטן האָבן די אבלים געקענט פילן זייער אבלות. (דאָס וועט יעדער כראָניקער פון די וויכטיקע, צענטראַלע, קען מען זאָגן, זיבן טעג אין דער געשיכטע פון דער גאָלדבלום־משפחה אין ענגלאַנד, מוזן צוגעבן).

און ס׳איז נישט געווען זייער שולד. נישט, חלילה, ווייל זיי זענען געווען שלעכטע קינדער און האָבן נישט געשעצט און ליב געהאַט גענוג זייער פּאָטער, האָבן זיי ווייניק געטרויערט. ס׳איז נישט געווען זייער שולד. זיי „האָבן געטאָן זייער ווערי בעסט" צו זיין אומעטיק; פאַר זיך, איינער פאַרן צווייטן, און פאַר לייטן — אודאי.

נאָך מער: זיי האָבן אַפילו נישט באַמערקט ווען זיי זענען נישט געווען אומעטיק, ווען זיי זענען געווען פריילעך אַפילו. און אויב מען מוז שוין יאָ עמיצן באַשולדיקן אין דעם — און ס׳איז גאָרנישט נויטיק — איז עס דוקא ר׳ שמחהן אַליין — דעם איניציאַטאָר און אימפּרעסעריאָ פון אָט דער מערקווירדיקער שבעה!

געמיינט האָט ר׳ שמחה, ווי שטענדיק, גוט. וואָס דאַרף מען אַ שענערע שבעה, ווי אַלע קינדער צוזאַמען אינם טאַטנס שטוב? קען דען זיין אַ שענערער און גרעסערער כבוד המת? אָבער וואָס ער האָט פאַרגעסן, צי נישט געוווסט, איז, אַז אפשר נאָך מער ווי דאַוונען איז טרויערן גוט ביחידות.

ווען אַלע פון די זין און טעכטער זעצן זיך באַזונדער אין זייערע הייזער, ווייט איינער פונם אנדערן אינם גרויסן לאָנדאָן, וואָלטן זיי זיכער מער צייט געהאַט צו טרויערן...

אמת, מען וואָלט זיך פון צייט צו צייט געשפּילט מיט די קינדערלעך, וואָס „ווייסן פון קיין חכמות נישט"; מען וואָלט געמוזט אויסהערן די וואָכעדיקע טענות פון די ווייבער; מען וואָלט זיך נישט געקענט העלפן און, פון צייט צו צייט, אויפהויבן זיך פון די נידעריקע בענקעלעך און אין די שטעקשיך אַרויסגיין אין די אַרומגעצוימטע גערטנדלעך הינטער די אייגענע, שיינע הייזעלעך.

אָבער עס וואָלט דאָך יעדן איינעם פון זיי געווען גוט און לענגער אומעטיק אויפן הארצן, ווען יעדער „זיצט" ביי זיך אין דער היים און טראַכט זיבן טעג נאָכאַנאַנד וועגן פאַרשטאָרבענעם פאָטער.

היינט, דאָס דריי מאָל אַ טאָג שלעפּן זיך אַ נישט געגאָלטער ערגעץ ווייט אין אַ שול אַריין זאָגן קדיש! אָבער שמחה האָט זיכער געמיינט גוט.

די גאָלדבלומס האָבן טאַקע געטאָן דאָס בעסטע, וואָס זיי האָבן געקענט —ביודעים ובלא יודעים — אויסצוקוקן און טאַקע צו זיין אומעטיק אָט ווי זייער פאָטער האָט עס ביי זיי כשר פאַרדינט.



אָבער גיי און זיי לאַנג אומעטיק און אין אבלות, ווען מען זיצט, קיין עין הרע, אַזויפיל קינדער צוזאַמען; ווען די פנימער זענען אַזוי היימיש און מען קען לאַנג נישט שווייגן...

האָבן זיי זיך באַלד צוגעוווינט צום פאַרהאַנגענעם שפּיגל.

נו, איז דער שפּיגל פאַרהאַנגען, אָבער דער „מענטל־פּיס", קיין עין הרע, לעבט, ווי אַ נעסט מיט קליינע פויגעלעך. און אויפן „מענטל־פּיס" אַזויפיל נאַקעטע און האַלב־נאַקעטע קאַראַפּוזקעלעך, פּעטע, פרישינקע לייבעלעך, גופימלעך; אַ וועלט מיט נייע לעבנס, קוואַלן פון אָנצאָליקע, שפּראָצנדיקע נייע וועלטן!

ווי אַזוי קען מען לאַנג טרויערן אין אַ שטוב, וואָס איז אָנגעפּאַקט מיט לעבנס, ווי אַ זאַפטיקער אַרבוז מיט קערלעך? און ווי אַזוי האָבן די זין און טעכטער געקענט שטאַרק טרויערן, אַז יעדער איינער כמעט, וואָס איז געקומען זיי מנחם אבל־זיין, האָט געמוזט בלייבן אַ רגע שטיין ביי דער טיר פאַרגאַפּיעט און אַ טראַכט טאָן:

— קיין עין הרע, אַ שיינע שבעה; אַזאַ שיינע שבעה!

און אַז מען איז אַריינגעגאַנגען, זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ הויך בענקל און גענומען טרייסטן די אבלים, וואָס האָט מען זיי געקענט זאָגן? וואָס, האָט דען ר׳ שלמה נישט אויסגעלעבט אַ מענטשנס באַשערטע יאָרן? וואָס, איז ער דען, חלילה, געשטאָרבן פאַר דער צייט?

— אַ געזונטער ייד געווען... העכער די זיבעציק... אויסגעלעבט פול און זאַט די יאָרן... כ׳מיין, וואָס קאָן אַ מענטש מער זיך ווינטשן און פאַרלאַנגען? זיין קדישים, אַן אייגענער מנין קדיש־זאָגער!...

און גיי מאַך אַ טרויעריקע מינע און ווייַן נאָך אַזעלכע אמתע טרייסטווערטער!

אוי, האָבן זיך די גאָלדבלומס געמוטשעט, זיך געראַנגלט ממש און זיך נישט געלאָזט טרייסטן; ווי פעכטערס, ווי געטרייע זעלנער, וואָס באַשיצן עפּעס אַ נישט־זעבאַרע, הייליקע פעסטונג — זייער טרויער — האָבן זיי מיט אַלע כחות געפּרוווט אָפּווענדן די פיילן פון טרייסטונג:

— וואָס הייסט, ער האָט דאָך געקענט לעבן נאָך אַ צען יאָר כאָטש — האָט אַלע מאָל אַן אַנדערער זון, צי טאָכטער, לויט דער נאָענטקייט פונם גאַסט וואָס איז געקומען טרייסטן, זיך און די גאַנצע שטוב ווי פאַרטיידיקט.

— ווען מען רופט לכתחילה דעם באַרימטן דאָקטאָר פישער, זייער פאַמיליען־דאָקטאָר! מען וואָלט געקענט פאַרכאַפּן; ער וואָלט נאָך געקענט לעבן...

אָבער מען מוז צוגעבן, אַז די פאַרטיידיקונג איז, ס׳רוב, געווען אַ שוואַכע, און אַז די באַרמהאַרציקע אָפענסיווע פון די טרייסטער פלעגט, ס׳רוב, זיגן:

— וואָס רעדט איר? וואָס רעדט איר? קינדער וואָס איר זענט!... — פלעגן די טרייסטער, מיט זייער גוטסקייט פאַרוווּנדן — וואָס רעדט איר, אַזאַ קראַנקהייט פאַרכאַפּן?

— ווער ? אַז זי איז נישט היילבאַר !

(מען האָט דעם נאָמען פון דער קראנקהייט אַלץ נישט געוואָלט דערמאָנען, גלייך ווי זי וואָלט נאָך אַלץ געקענט עפּעס אויף אזא מיסטעריעזן אופן בײדע צדדים שאדטן).

— נישט פאר קיינעם געדאכט ! זעט וואָס פאר יונגע לעבנס די קראנקהייט כאַפּט אויס. וואָס רעדט איר, וואָס ?

די „טויטלעכע" אטאקעס פון די טרייסטער פלעגן ערשט קומען, ווען יעדער פון זיי האָט אָנגעהויבן דערציילן פון פאקטן, פון די אומגליקן, וואָס די קראנקהייט האָט אויפגעטאָן זייערע אייגענע פריינט און באקאנטע.

— אָט ביי מיינער אַ שוועגערין האָט מען, צוריק מיט אַ פּאָר חדשים, געמוזט אַראָפּנעמען די לינקע ברוסט... אַזאַ יונגע, שיינע פרוי... וואָס רעדט איר, וואָס ?

די הענט פון די אבלים פלעגן נאָך אַזאַ אַטאַקע אינגאנצן אַראָפּפאַלן, און די הערצער אינגאנצן אנטלויפן.

— וואָס דארפט איר מער, — נעמט היינטיקע צייטונגען און זעט : לאָרד דער און דער געשטאָרבן פון דער זעלבער קראנקהייט. און דאכט זיך שוין אַ לאָרד אַ מיליאָנער און געקענט אויסשרייבן פון דייטשלאנד די בעסטע דאָקטוירים ! און מיינט איר ווי אלט איז ער אינגאנצן געווען אָט דער לאָרד ? אָכט און פופציק ! נו, זעט איר שוין ?...

אוי, האָבן די אבלים געקעמפט מיט די טרייסטער ! און באַזונדערס, נאַטירלעך, דער עלטסטער זון, יעקב, וועלכער האָט די גאנצע צייט געפילט, אַז ער איז דער דעה־זאָגער, דער גענעראל, וואָס דארף פארטיידיקן זיין קליינע אַרמיי אין זייער עת־צרה.

— יאָ, ער איז דאָך אַזאַ קלוגער ייד געווען ! ער איז דאָך געווען אונזער שטאָלץ !... — האָט דזשעקי אָנגעהויבן אַ נייע אָפּענסיוועֿ.

— ער איז דאָך געווען אַ ייד אַ למדן !

— יאָ, מיר ווייסן. וואָס הייסט, וואו׳דען ? ווער האָט עס נישט געקענט ר׳ שלמהן גאָלדבלום ? ער איז דאָך געווען אפשר דער שענסטער ייד אין דער איסט ענד ! זיין שיינע, גרויע באָרד ! זיין פרעדסטאוויטיעלנא פיגור !... שוין נישטאָ היינט אַזעלכע שיינע און געזונטע יידן ! — פלעגן די מנחמי אבל אויפריכטיק און דאָך עפּעס ווי סטראטעגיש נאָכגעבן. אָבער, תוך כדי דבור, פלעגן זיי ווידער נעמען אטאקירן און טרייסטן :

— אָבער ער האָט זיך אויסגעלעבט זיינע יאָרן ! ווי שטייט עס דאָרט געשריבן אין תהלים ? זיבעציק יאָר איז דעם מענטשנס לעבן... און ער, עליו השלום, איז דאָך שוין געווען אַריבער די זיבעציק !

— ער איז דאָך געווען אונזער קאָפּ ! דער קאָפּ פון אונזערע ביזנעס. מיר פלעגן אים דאָך רופן פרעזידענט — האָט זיך דער אַמביציעזער דזשעקי אַלץ נישט געלאָזט טרייסטן. — און אונזער פרעזידענט איז שוין נישטאָ !

ער פלעגט מוזן באהאלטן מיט דער האנט די אויגן. די צוויי שוועסטער פלעגן זיך אין אזעלכע מינוטן צעוויינען און שנייצן די נעזער. און אויך די



יונגסטע ברידערלעך, וועלכע האָבן אין די זיבן טעג געקוקט אויף דעם עלטסטן מיט גרויס דרך־ארץ ; „און דאָ וויינט ער גאָר".

נאַטירלעך, האָבן אויך די אנדערע עלטערע זין, ווי לייבן, געקעמפט קעגן די, ס׳רוב, זיגערישע מנחמי אבל און זייערע טרייסט ווערטער : ריטשארד, מיט דער לייבן־שטימע, פלעגט אַרויסברענגען די משלים און תורה־דיסקוסיעס, וואָס זייער טאַטע דער למדן האָט געפירט מיט דעם מגיד און מיט דעם רב פון זיין שול...

ער האָט, בעסער ווי די אַנדערע זין, געדענקט און געקענט נאָכזאָגן דעם טאַטנס תורה.

אויך דער געלאַסענער אברי פלעגט שטארק קומען צו הילף דער פאַרטיידיקונג, דערמאָנענדיק די אַלע געשעפטלעכע סכסוכים, וואָס דער פאָטער פלעגט אויסגלייכן צווישן פרעמדע סוחרים ; און וואָס פאַר אַ חשבונות ער פלעגט האלטן אויפן קאָפּ, און ווי ער פלעגט יעדע ענגלישן ביזנעס־בריוו דערקענען לויט דער האנטשריפט פון וועמען ער איז...

אויך דער הויכער ר׳ שמחה, דער אמתער פאַמיליען־פריינט, פלעגט די אבלים אָפּט צונויז קומען מיט זיינע שטארקע אַרגומענטן ; באַזונדערס אין הלכות דאָקטוירים און קראַנקהייטן, אין וועלכע ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ קענער. (שמחה אַליין האָט אין יענער צייט געליטן אויפן מאָגן, זיך געהיטן פאַר געוויסע מאכלים און ווי אַן אמתער פריינט האָט ער שוין אויך אָנגעהויבן מורא צו האָבן פאר דער קראַנקהייט, וועלכע האָט זיין בעסטן פריינט און לאַנדסמאַן אַוועקגענומען).

— וואָס ? — האָט ער געשריגן — די דאָקטוירים ווייסן פון זייער חיות נישט ! זיי ווייסן נאָר שניידן. ס׳האָט דען ביי זיי אַ מענטש אַ ווערט ? אַז זיי לערנען זיך אויף אונז שניידן. באַלד כאַפּן זיי זיך צו מעסערס. געוויס האָט שלמה נאָך געקענט לעבן... ווען זיי מאַכן אים נישט די לעצטע אָפּעראַציע : אוי, דאָס מעסער, דאָס מעסער ! איך האָב פיינט דאָס מעסער !

די גאָלדבלומס האָבן מיט אַלע כחות זיך פארטיידיקט און נישט געלאָזט זיך טרייסטן. און אַזוי ווי די מנחמי אבל האָבן, מעשה דזשענטלמען, קיין אמתן פולן „זיג ביזן סוף", חלילה, נישט געוואָלט האָבן — פאַרקערט, זיי האָבן אַפילו נישט בדעה געהאט זיך צו דערקלערן אַלס זיגער — פלעגן זיי פאַרלאָזן די שטוב ווי באַזיגטע, טייערע קינדער.

ווויל איז דעם טאַטן, וואָס לאָזט נאָך זיך איבער אזעלכע זין.

שוין דערשינען

„דאס בוך פון לעסטערונגען"

פון לעאָ קעניג

אַ באַשרענקטע צאָל עקזעמפלארן. פרייז 21 שילינג

דאָס בוך קען מען קריגן ביים „נאַראָד פרעס", און אין בוכהאנדלונגען.

## אביגדור המאירי

### די אייביקע ים-שטילקייט איבערזעצט פון רחל דון-יחיא

פון אונזער רואיק־שטילן תהום
אַרויפרונצלט זיך אַ בלעזל,
אַ באַוועגונג נעמט אויפגיין
אין דעם שפיגל פון קריסטאל:
עס וועקט זיך די שטילקייט.

אַ ציטער גיט דער קריסטאל־שפיגל,
אַ מאָרגן־ווינטל פאנגט אָן בלאָזן,
און ס׳באַוועגט זיך אויף די וועלען,
אין ווינט־געריש אַ שטום־שיפל:

און טיף אינווייניק אין שיפל
אַרומגענומען אָן אַנגסט, אָן פלאַטער,
פון גן־עדן פארבלאָנדזשעטע צוויי גופים,
פארגליווערט אין געשטראַלטן־ציטער:
מיט דעם קוש דעם לעצטן.

די גופים פון אונז בײדן — דו און איך.
אַנטלאָפן פון די מענטשנס אויגן,
צום צויבער־מקלט פון דער לערקייט:
איידער אויף העלפט מיר צוטיילט זיינען געוואָרן,
אַנטלאָפן צו די אור־אלטע יאָרן.

צו די אור־אַלטע צייטן, ווען ס׳נאָך ניט געווען
דער שטרייט פון חשק און מלחמה
פון דאָס האַרץ צוטיילט אויף צוויי
אום אַ פּאָרל צוריק באלד ווערן:
צוויי שונאים אַרומגעכאַפּטע.

פון דער מלחמה זיינען מיר אנטלאָפן,
אַריבער צער ווייט פאַרשוווּמען,
מיט אונזער ווילן טיף באהאלטן;
און פארגליווערט אַרומגענומען,
אין מיטן ים פון אייביק־שטילקייט.

דער קריסטאל־שפיגל גיט אַ ציטער,
די שיפל לאנגזאם זיך באַוועגט,
און קליינע ווינטלעך אין קלאָרן אָטעם
שעפּטשן מיט אַ צויבער ציטער
דעם זומער הימנון אין מיטן ים:



„צויבער־בשמים, מאָרגן־ריחות
און די רייפקייט פון מיט־טאָג —
וועקט אייך, פארגליווערטע פון נעכטן,
קוקט אייך אַרום, ס׳איז איבערמאָרגן,
און הערט זיך איין אין דעם אַרום.

„וועקט אייך, וועקט אייך גן־עדן קינדער,
דערהויבענע וועבער פון קינדער־טרוימען —
ווייל איר בײדע ט׳דאָ געדרעמלט,
אין דער וועלט מלחמה ט׳אויסגעבראָכן.
די מלחמה צווישן ער און זי.

„אַ געזעץ דערווייל ט׳זיך דאָ געשאפן:
צווישן בײדן הערשט אַ פיינטשאַפט;
טייער איז אים פון איר מויל דער קוש,
דאָך אָן שנאה און אָן ווייטאָג
ווערט זיין פלאַם נישט אָנגעצונדן.

„דער פארליבטער דערשפּירט זיין קרבן,
און דער מזבח ברענט אַלץ העכער:
בײדע קעמפן זייער גייציק,
נישט אָפּגעבן ביז איינער באַזיגט
און אונטערטעניק ווערט זיין רויב.

„יעדעס ליב־וואָרט איז אַ פאַסטקע,
וואָס פאַרכאַפּט און נאַרט אָפּ,
יעדער האַנט־גלעט אין אַ נעץ
און די טרער — די מלחמה רו? —
צוויי בלוט־דורשטיקע שונאים.

„די ליבע — דער צער פון תאוה,
דער אַרומנעמען — אַ רויבעריי;
אוי ביז ר׳וועט זיך ניט אונטערגעבן,
נישט אָפּגעלאָזן ווערט דער רויב,
ביז אָנגעזעטיקט ר׳ווערט מיט פיין.

„צויבער־בשמים, זומער ריחות
און די רייפקייט פון מיט־טאָג —
וועקט אייך, וועקט אייך, גן־עדן קינדער,
אויפגעשיינט ווערט דאָ אַ טאָג —
אַז אכזריש ליכט ט׳זיך אויפגעפנט.

„פאַרשוווּנדן איז דאָס לבנה־געזאַנג,
דער לוסטיק־ליאַרעם פון טערטל־טויב:

דער פאַרליבטער איז אַ שונא־נצח,
איינצושלינגען אָדער איינגעשלונגען ווערן,
דורך לוסטיקייט, חן בלוט.

„צוויי שונאים אָן באַוווסטזיין,
אָנגעגרייצטע נישט צו אנדערקענען:
ווער, ווער זיי טוט אָנרייצן,
אום זיין רעגירונג זיי זאָלן שטאַרקן
— זיין מאכט אויף דער ערד.

„דור נאָך דור פאַר אים באַשאַפן,
געשטראָפט מיט צרות און יסורים,
דער גורל פון זיין מלחמה־האַנט,
פאַר זיין תופת־גרוב זייער שיקזאַל
דאָ אין הויפּט־פּלאַץ פון יסורים.

„אָנצושוואַרמען רחמנות־ברואים
דאָ אין שרעקלעך־ברואים גרוב,
אין זייער בראָך פאַר אים צו שוימען,
און מיט אַ מיתת־חסד זיך דערבאַרמען
צו פאַרניכטן נאָך זיין האַרץ־געלוסט.

„וועקט אויף און ווייסט: נישט דיין איז
דאָ דער ווילן צו באַשטימען, און ניט
אירער, ווען זי דיך אַרומנעמט,
נאָר זיינער: דער רעגירער פון פאַרניכטונג,
ער דערויף עס אייך באַפעלט.

„ער דער געבער פון באַפעל — און ווער ווייסט
צו וואָס ער עס באַפעלט און הייסט?
איינס ווייסן מיר: פון יעדער תאווה
געבוירן ווערן ברואים ליידענדע,
קריכעדיקע אומגליקלעכע ברואים.

„דער בת־חשק — אַ יאָמער בשורה,
דער דערהאבענער חן — אַ גזרה פון קוועלן:
די קלאָג פון יתום און דרוק פון הייקער;
די קומער־קינדער זיינען זיי —
קינדער פון דערנידעריקטן תענוג.

„צויבער־בשמים, שכרון־תענוג,
אייער ליד איז אַ ליד פון אבל,
די אויגן עפנט, קוקט אייך אַרום:



לײדן, ליידן, ליידן, ליידן,
אין דער גאנצער ברייט פונם יקום.

„היץ און אייז־טומאַנען,
מיט שוים פון קריג זיי טריפן:
גיהנום־זונען זיי באַשאַפן:
פאַרניכטונג־געבורטן, פרייד און טרערן —
אָן קיין תכלית, אָן אַ ציל.

„וועקט־אייך, שטייט אויף, גן־עדן פאַרגליווערטע,
פון אייער שיף איצט קומט אַרויס,
און אין זיין פּנים קוקט אַריין:
אַ חושך־זון, אַ בייז־לבנה —
ליכט־תכריכים טוט אייך אָן.

„פליט הויך אַרויף און צושייט אייך,
און דאָס שיפל אויפן ים אַוועק שיקט —
צום אַלהעכסטן אַ געזאַנג שאַלט אויס:
צו וואָס, צו וואָס, צו וואָס, צו וואָס?
און צום גהינום אויף דער ערד זאָגט: גענוג!"

פאַרשווונדן ווערן די קליינע ווינטלעך,
די שיפל שטיל זיך באַוועגט —
אין מיטן רואיק־ים אַ צאַנק
ט׳געטאָן די אויסגייענדיקע זון —
און פלוצלינג זיין פּנים כ׳האָב דערזען:

דאָס פרילינג פּנים, מאָרגן־רויט.
זשומעריי פון בינען אויף בליאיק בלעטל,
אַ טראָפּן טוי אין זונען־שטראַל,
אַ קינדס געלעכטער אין לבנה־נאַכט,
און אין דעם אַלעם: נאָר דיין געשטאַלט.

צויבער־בשמים, פרימאָרגן־ריחות,
דער קריסטאַל־שפּיגל גיט אַ ציטער,
אונזער שיפל שטיל זיך באַוועגט
און דער אָפּגרונט ברומט זיין ליד:
דיין ליד, דאָס ליד פון תכלית.

פון אונזער רואיק, רואיק תהום
קומט אַרויף אַ ליכט־בלעזל —
שאַלט דאָס אייביק־ליד, און מיר ביידע
אַרומגענומען דרעמלען ווייטער
אין שיף־טיפעניש פון דער אייביקייט.

קייטי בראון

# נישטא קיין מזל . . .

שלמה דער פרעסער איז אַ ייד אַ קראַנקער, אַן אויסגעמוטשעטער, קוים וואָס ער האַלט זיך אויף די פיס; אַ ייד מיט אַ באָרד. נאָר ווען ער צעקעמט זי, זעט מען דעם ייד נישט אַרויס.

עס דאכט זיך, אַז נישט ר׳שלמה שלעפט די באָרד, נאָר די באָרד שלעפט אים.

און דאָך אַרבעט ער נאָך אין וואַרקשאָפּ אַכט שעה אַ טאָג ביים פרעס־אייזן, אָט דער דאָזיקער ר׳שלמה.

אמת, דער גאַוונער (בעל־הבית) וואַרפט זיך מיט אים.

— ר׳שלמה, — זאָגט דער בעל־הבית — איר דאַרפט שוין מער נישט אַרבעטן. גענוג געאַרבעט אין אייער לעבן! ווילאַנג, זאָגט איר, שטייט איר שוין ביים פרעס־אייזן? זעקס און צוואַנציק יאָר? איר מעגט זיך שוין אָפּרוען. אַזאַ ייד, ווי איר, דאַרף זיך זיצן און זאָגן תהלים און וואַרטן אויף עולם־הבא; אנגרייטן אַ סך מצוות און מעשים טובים.

אָבער ר׳שלמה פאלגט נישט דעם גאַוונער. מאלע וואָס אַ גאַוונער רעדט! ער וויל אַ יונגערן אַרבעטער, אַ שטאַרקערן, אַ שנעלערן; רעדט ער . . .

אָבער ר׳שלמה האָט לעצטנס זיך גענומען פילן שוואַכער, וואָס אַ טאָג אַלץ שוואַכער; און גענומען טראַכטן:

— איי, ווי גוט וואָלט מיר געווען ווען איך קען אַביסל אַרויספאָרן אין אַ קאונטרי (אויף זומער־וואוינונג) כאטש אויף עטלעכע וואָכן.

דאָרט, אין דער קאונטרי, וואָלט ער זיך דערהאַלטן ביים לעבן און פאַרלאַטעט דאָס געזונט אַביסל. אָבער ווי קען ער אַרויספאָרן, אַז ער האָט נישט קיין צעבראָכענע פעני ביי דער נשמה, מחמת מיטן פאַרדינען איז ביטער, ממש וואסער אויף קאַשע. פון די זעקס און צוואַנציק יאָר אַרבעט האָט ער זעקס יאָר פאַרקרענקט, פיר יאָר געסטרייקט און גאַנצע אַכט יאָר איז געווען ווייניק אַרבעט, סלעק. היינט פון וואַנען זשע זאָל ער האָבן געלט?

אַמאָל לייענט ר׳שלמה אין אַ צייטונג פון אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס שיקט קראַנקע מענטשן ערגעץ אין אַ דאָרף אַריין זיך צו דערהאָלן נישט אויף לאַנג, בלויז אויף דריי וואָכן.

— מילא, — טראַכט ר׳שלמה — זאָל זיין אויף דריי וואָכן. בעסער ווי גאָרנישט!

נעמט ער דעם שטעקן, טוט אַ קוש די מזוזה און גייט אַוועק אין אָפיס (ביוראָ) פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע.

— וואָס איז אייער פארלאנג? — פרעגט מען ר׳שלמהן. — וואָס קען מען טון פאַר אייך?

— איך בין, נישט פאר אייך געדאכט, אַ שלאפער מענטש. גאַנצע זעקס און צוואַנציק יאָר שטיי איך שוין ביים פרעס־אייזן. קיין געלט האָב איך נישט, קיין ווייב און קינדער אויך נישט און אַרבעטן מער קען איך נישט. וויל איך



בעטן, אַז איר זאָלט מיך אַוועקשיקן אויף עטלעכע וואָכן אין דער קאונטרי, כדי איך זאָל מיר קענען אויסרוען די קראַנקע ביינער און אָפּכאַפּן דעם אטעם אויף דער פרישער לופט.

— מיר שיקן נאָר אַזעלכע מענטשן, וואָס ליידן פון טי־בי (שווינדזוכט) — רופט זיך אָפּ דער באאמטער.

— וואָס איז דאָס פאר אן אנשיקעניש? — פרעגט דער אַלטער ר׳שלמה.

— דאָס איז אַזאַ חולאת, וואָס מען רופט זי טי־בי, און אויף פראסט יידיש הייסט זי טשיכאטקע . . .

— און אַז איך האָב רומאַטיזם, טויג נישט? ס׳מוז דווקא זיין, ווי זאָגט איר, טשיכאטקע?

— טויגן, טויגן עס יא, אָבער נישט פאר אונז. ביי אונז מוזט איר האָבן טשיכאטקע.

— און וואָס הערט זיך מכח אַסטמאַ? — פרעגט ווייטער דער אַלטער ר׳שלמה מיט פארדרוס.

—אַסטמאַ טויג אויך נישט פאר אונז. עס איז קעגן אונזערע רולס.

— אַזוי, עס איז קעגן אייערע רולס?! (רעגולאמין). איך האָב אויך גאל־שטיינער, שטייפע אדערן, אַ שטעכעניש אין די זייטן. און דאָס אַלץ איז נאָך נישט גענוג פאר אייך?

— אָט די אַלע חולאתן גייען נישט אַריין אין אונזער צעטל. ביי אונז מוזט איר האָבן טשיכאטקע; נאָר טשיכאטקע, דאס־א דאַרף אונזער אָרגאַניזאַציע.

האָט זיך דער אַלטער ר׳שלמה, נעבעך, שטאַרק צעהוסט פון גרויס עגמת נפש, איז געוואָרן בלוי ווי אַ מילץ. און אַז ער איז געקומען צו זיך און אפגעדעכט, האָט ער אַ פרעג געטון מיט כעס:

— רבונו־של־עולם, ווי זאָל איך נעמען טשיכאטקע? וואָס־זשע, איך האָב און וויל אייך נישט געבן? אַז ס׳איז נישטאָ, איז נישטאָ. געהערט אן אנשיקעניש?!

— צוליב אונז דאַרפט איר קיין טשיכאטקע נישט קריגן, מיסטער־לעבן. מיר האָבן אויפן צעטל דריי הונדערט קאַנדידאַטן מער ווי מיר קענען שיקן . . .

איז ר׳שלמה געבליבן שטיין, נעבעך, אַ צעבראָכענער און געקרעכצט צו זיך אַליין:

— איי, איי, אַז עס איז נישטאָ קיין מזל, העלפט קיין זאַך נישט. דאַרף איך האָבן רומאַטיזם, גאל־שטיינער, אַסטמאַ, און דווקא אָט די חולאת, טי־בי, וואָס קען מיך ראַטעווען, האָב איך נישט! און צוליב אַזאַ קלייניקייט קען איך נישט פאָרן אין דער קאונטרי!

איז ער אַוועק אַהיים אַ צעבראָכענער, נעבעך, אן אנטוישטער. אויסגעזוכט דאָס אַלטע תהלימל, און מיט טרערן אין די אַלטע אויגן זיינע האָט ער גענומען בעטן צו גאָט:

— רבונו־של־עולם, באגליק מיך מיט טשיכאטקע, כדי מען זאָל מיך

קענען אַוועקשיקן. אוי, גאָטעניו, ווי עס בענקט זיך נאָך דער גרינער לאנקע, נאָך אַ פעלד, נאָך אַ טייכל, נאָך די אַלע שיינע זאַכן, וועלכע איך געדענק נאָך פון דער היים. אָבער וואָס קומט מיר אַרויס, אַז איך האָב נישט די קרענק, וואָס די אָרגאַניזאַציע דאַרף האָבן . . .

נאָר פלוצלונג איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק און ער האָט אַ צופרידענעם שמייכל געטון.

ער וועט אַוועק צו אַ דאָקטאָר, זיך לאָזן אונטערזוכן. ווער ווייסט? ביי גאָט איז דאָך אַלץ מעגלעך . . .

עס קען גאָר זיין, אַז ער האָט טשיכאַטקע און ווייסט גאָרנישט דערפון. געזאָגט און געטון. ער איז גלייך אַוועק צום דאָקטאָר, אים איבערגעגעבן אַלע צרות זיינע. דער דאָקטאָר האָט אים אונטערזוכט און גלייך געלאָזט וויסן, אַז ער איז אָלרייט.

— וואָס מיינט איר, דאָקטאָר־לעבן, — צאַפּלט זיך ר׳שלמה — וואָס מיינט איר, אַז איך בין אָלרייט?

— איר האָט טשיכאַטקע, — זאָגט אים דער דאָקטאָר אָן די פריילעכע בשורה. — נאָט אייך אַ לעטער (בריוו) — און גייט צו דער אָרגאַניזאַציע, וועט מען אייך אַוועקשיקן אויף פרישער לופט.

— לאַנג לעבן זאָלט איר, פאַניע דאָקטאָר! גאָט זאָל אייך געבן געזונט און פרנסה מיט אַ סך פאַציענטן; און ער זאָל אייך אַזוי דערפרייען ווי איר האָט מיך דערפריידט. איר האָט מיך ממש געראַטעוועט! איצט וועל איך קענען זעען גאָט׳ס שיינע וועלט.

פול מיט פרייד האָט דער אַלטער ר׳שלמה צוגענומען דעם בריוו און איז אַוועק אַהיים. צומאָרגנס באַלד אין דער פרי איז ר׳שלמה דער פרעסער ווידער געשטאַנען אין אָפיס פון דער אָרגאַניזאַציע. דאָס מאָל שוין אַ פריילעכער, אַ זיכערער. ער האָט מיט זיך געהאַט דעם דאָקטאָר׳ס בריוו, וואָס האָט אים פאַרשאַפט מער גליק ווי אַ געווינס אויף דער לאָטעריע.

ווען עס איז געקומען זיין ריי, האָט ער, אַ שטאָלצער, אַ פריילעכער, דער־לאַנגט דעם בריוו צום באַאמטן:

— נאַט, מיסטער!

אָבער דער ענטפער איז געווען אַ טרויעריקער.

— צו שפּעט. אַלע בעטלעך זענען שוין פאַרנומען. איר האָט געדאַרפט קריגן טשיכאַטקע מיט עטלעכע חדשים פריער, — האָט מען אים געענט־פערט.

דער אַלטער ר׳שלמה האָט, נעבעך, שיער נישט געחלשט. אויף אַזאַ קלאַפּ האָט ער זיך נישט געריכט.

ער האָט זיך פּאַמעלעך אַוועקגעזעצט אויף עטלעכע מינוט, פאַרגאָסן אַ פּאָר הייסע טרערן, וועלכע זענען געפאַלן אויף זיין נישט צעקעמטער באָרד און קוים אַרויסגערעדט:

— איי, איי, נישטאָ קיין מזל! נישטאָ קיין מזל . . .



## א. נ. שטענצל

## אומרו...

אַזאַ געוואַלטיקע „אומרו" די זון,
פון מזרח ביז מערב וואַרפט זיך איר באַוועג;
איין רגע בלויז פון אויפגיי ביז פאַרגיי,
גאָט׳ס איין מינוט — אונזערע געציילטע טעג!

אונזער ערד איינע פון אירע „וואָגעס",
און וואָס איז אַלץ אָנגעהאַנגען אויף איר!
אין די אָנגעצויגענע וואָגע־קייט,
עס איז געבונדן אונזער יעטווידער ריר.

די גלגלים — די רעדלעך און שרייפלעך,
גייען נישט אויף „שטיינער" — אויף דימענטן־בערג!
ס׳איז דער איינגעדרייטער רעגנבויגן,
די אָנגעצויגענע „פעדער" פון געווערק.

איז ווער קאָן וויסן ווען ס׳שלאָגט די שעה,
און ווען אָפּשטעלן עס וועט זיך די אומרו,
מיר זענען בלויז ס׳וועלדל צווישן די ווייזערס,
ווו די קוקאַווקע שפרינגט אויף מיט איר „קו־קו" — — —

## צוויי לידער

I

אַז ס׳איז דאָס וואָרט נאָר אַ ווידער־קול בלויז
פונם אויסגעהוילטן ליידיקן האַרץ,
און דער געדאַנק אַ פלינקער ווידער־שיין
פון פארגייענדיקס וואָס שאָטנט שוין שוואַרץ.

אַלצדינג וואָס לעבט ס׳איז נאָר אַ פאַרגלייך בלויז
און דער טויט — דער בלייכער שאָטן דערפון!
געהאַט איך האָב אַ ליכטיקן געדאַנק,
האָט ער געשיינט ווי אין הימל די זון.

וועט ער ווידער אויפגיין צוזאַם מיט איר
צי ליגן בלייבן אַ מעטעאָר־שטיין?
דאָס פאַלנדיקע וואָרט — אַן עכאָ בלויז,
און דער געדאַנק — אַ פלינקער ווידערשיין.

II

פון בליענדיקע מאַנדל־ביימלעך דער צוויט,
דער טשוויטש פון יונגע שוועלבלעך אין ערשטן פלי
איז דאָס געפיל אויפפלאַטערנדיק אין הארץ —
דער אויפשפראָץ פון זון אין אַ פרילינג אינדערפרי!

מ׳קאָן אַריינזעצן אַ שוועלבל אין שטייגל,
אין אַ גלאָז־וואַסער אַ מאַנדל־צווייגל מיט צוויט,
אויפשפראָץ פון זון אין אַ פרילינג אינדערפרי
מען קאָן עס אַריינזעצן אַ רובין אין אַ ליד.

אָבער דאָס געפיל פון פלאַטערדיקן האַרץ?
מאַנדל־צווייגל, שוועלבל שוועבנדיק אינדערהייך,
צומאָל שפּראָץ פון אויפגייענדיקער זון,
צום אויפפליענדיקן געפיל קוים אַ פאַרגלייך —
— — — — — — — — —

# ארכידייען

פאַר י.

I

. . . אינמיטן שלאָף־געפּלאַפּל פלוצלינג אויפגעוואַכט,
שטייט שטייף אויף נאַכט־טישל אַ שטילער פּאַפּאגיי,
צום קרעקנדיקן געפּלוידער ס׳מויל אויפגעמאַכט,

שטעקן געבליבן דערשראָקן מיטן געקריי — —
אויפגעריסן זי ער האָט פונם שווערן שלאָף,
און דעם גאַנצן אַרום אָנגעגאָסן ווי מיט בליי.

זי שוידערט בליך אויף, גלייך אַ געשוירענער שאָף:
האָט זי אַ נאָמען אינמיטן שלאָף אויסגערעדט,
און זיין געפּלאַפּל פון אַלץ וועט מאַכן אַ סוף?

אַן אויפהאָרכנדיק אויער פון אַ גאָט, פון אַ שד
שטופּט זיך האַלבע־לבנה פאַרן פענסטער פאַרביי:
עפּעס אויפצוכאַפּן פון פלאַפּל פון אַ פּאָעט,

שוין אַ סך לייכטער פון הויך פון אַן אָרכידיי.



II

נישט צו גרויס ס׳איז דיין פוס פאַר גאָלדענעם שיכל —
אַ לידל נאָך אַ לידל, שוין אַ גאַנץ ביכל!
אָבער ווער פאַרשטייט דען דאָס אייגענע איכל?

און ווען דיינע ליפּן וואַרעם אויף מיין פליכל,
גיט עס שאַרף אין הארצן מיר אַזאַ קאַלט שטיכל — —
וואָרים ווער קאָן דען פאַרשטיין ס׳מענטשלעכע איכל?

ס׳איז דאָס גאָלדן־געפּאַסטע פרינצעסן שיכל,
פאַרן קאַלטן ווינטער אַזאַ וואיל־שטיל פאַרקריכל,
ווען מיט איינגעצויגן פליגעלע „משיחל“,

באַהיטן וויל זיך דאָס געפרוירענע איכל — — —

III

נישט צומאָל ווי פון גאָלד־וואַקס געגאָסן —
אָן אויסגעשטאַנצטע גאָר זי וואָלט געווען!
ווען דאָס שטענגל אירס וואָס אין וואַסער שטייט,
וואָלט זיך דורכן גלאָז נישט אַדורכגעזען —

אַזוי ווייך און בלייך, אַזוי געוויקסיק,
אַ וווּנדער בלויז ווי עס האַלט זיך אויף דעם!
דאָס קונציקע, דאָס אויסגעהעמערטע,
אויף צאַרטער קעניגן קאָפּ — אַ דיאַדעם.

עס איז נישט די שטייף־געהעמערטע קרוין —
עס איז די וואָס טראָגט זי שטאָלץ אויף איר קאָפּ!
מיט איר וויאַן־צעגלאַנצטן גאַנצן וווּנדער,
וואַרפט אָרכידיי פון שטענגל זיך אַראָפּ —

אַזוי ווייך אַזוי בלייך, אַזוי שוואַכלעך
און ביז צו לעצטער מינוט זי האַלט אויס!
עס איז נישט דער דיאַדעם — די וואָס טראָגט זי,
מאַכט זי קעניגלעך, וווּנדערלעך און גרויס.

## צייט־לידער

דאָס באַוואָפענען פון דייטשלאַנד

גאָט איז דאָס געוויסן, גאָט איז די ליבע,
אָבער אויך די גערעכטע נקמה איז גאָט!
און אויב מיר זיינען צו שוואַך זי צו טראָגן,
זיינע וועגן זי אויסצופירן ער האָט.

איז דען אַ משפט פאַראַן פאַר אַזאַ פאָלק,
וואָס באַגאַנגען דעם געוואַלטיקן פאַרברעך,
אַ חוץ אַליין אַ מעשה זיך אָנצוטאָן,
נישט בלייבן ס׳זאָל דערפון קיין איינציקער דעך.

גאָט איז דאָס געוויסן, גאָט איז די ליבע,
אָבער אויך די גערעכטע נקמה איז גאָט!
לייגט מען זיי די וואַפן אין די הענט אַריין,
זיי זאָלן בלייבן אַצינד אויף גאָטס באַראָט!

## די אַטאָם־באָמבע

„די אַטאָם־באָמבע קאָן אין גיכן פּראָדוצירט ווערן מאַסנווייז״.

— טרומאַנס אַ מעסעדזש.

אויב פאַר טיטוסן איז נויטיק געווען אַ פלוי,
אַז זי זאָל אים זיינע געהירן צעפרעסן,
אים גראַבלען אין מוח מיט אייזערנע שפּאָרן,
וואָס ר׳ האָט געטאָן, אַז ער זאָל נישט פאַרגעסן.

איז איצט שוין גענוג איין שטויבעלע פונם אש,
איין שטויב אין מיליאָנען חלקים צעריבן —
איין טיילעכל גענוגט שוין צו דערמאָנען,
אין די קופּעס אַש וואָס פון אונז ס׳איז געבליבן!

אויב מיר זענען מיט־שולדיק אין דעם וואָס געשען
וועלן מיר שוין דערפאַר ערלעך באַצאָלן!
אַ האַלבער אַטאָם נאָר פון איין שטויבעלע,
אויף די גערעכטיקייט וועגנדיקע וואָגשאָלן — — —



## יידישע אויסן־פּאָליטיק . . .

(צום קאָנפליקט פונם ישראל אויסערן מיניסטער מ. שרת און דעם
יידישן פען־קלוב אין אַמעריקע)

אַז אַ משרת לאָזט זיך אויסוואַקסן
וואָנסעלעך אַזעלכע פון אַ פראַנט,
געפעלט אים שוין נישט די שפחה מער,
זי איז שוין דעמלט אונטער זיין שטאַנד.

אָבער דאָס קניפּל פונם זאַק אַרויס
אַרויסקריגן ס׳ווילט זיך אים נאָך אַלץ,
טאַנצט ער מיט איר אַ לעצטן ברוגז־טאַנץ,
אונטערברומענדיק אַ ווינער וואַלץ.

TOWER HAMLETS LIBRARIES

מ׳מוז אָבער האָבן אַ מיניסטער קאָפּ,
וואָנסעלעך אַליין איז נישט גענוג:
טאָקע אַ שפחה, „ככל הגויים״,
אָבער אַ יידישקע, און ז׳איז קלוג.

---

### צבי ארנשטיין

## ווי אזוי איך האב געזען ארץ ישראל

(שלוס)

אין גאַנץ ארץ ישראל איז נצרת די איינציקע שטאָט, וואָס איר באַפעלקערונג איז אַ דורכאויס אַראַבישע, די שטאָט ציילט צוואַנציק טויזנט אַראַבער, זי ווערט פאַרוואַלטעט פון אַ יידיש מיליטערישן גארניזאָן. אין דער שטאָט הערשט אַ קריסטלעכע אַטמאָספערע. קירכן־גלאָקן הערן זיך פון צייט צו צייט פון די קלויסטערס אין אַ זונטאָג אָדער אַ חגא טאָג.

די אראבער מוזן זיך צוערשט באַזאָרגן מיט אַ מיליטערישער דערלויבעניש אויף אַרויסצופאָרן מחוץ לתחום. אזא דערלויבעניש גיט מען זיי פאַר אַרבייט. אַ טייל אראבער ארבייטן טאקע אין נגב און קריגן גוט באַצאָלט. אַנדערע ארבייטן אין דער שטאָט גופא, אין נצרת.

ס׳איז אינטערעסאנט, אַז אין נצרת געפינט זיך אַ קאָמוניסטישער צענטער, און די אויסגעהאלטענע ליניע פון מאנכע קאָמוניסטישע אַראַבישע קריסטן גייט למשל אַזוי ווייט, אַז אַזאַ איינער האָט אַפילו אָנגעצונדן ליכטלעך אין קלויסטער, זאָגנדיק דערביי אַ תפילה בכונה. ווען זיין פריינט האָט אים אַ פרעג געטאָן: „חבר, וואָס טוסטו? דו פאַרשוואַרצט דאָך אונז דאָס פנים!״ — האָט ער אים געענטפערט: „נישט קשה, חבר, ביז סטאַלין וועט אַהער קומען, באדארף אונז דערווייל גאָט העלפן!״

די שילדן פון די אראבישע מסעדות (רעסטאָראַנען) זענען באַצייכנט מיט העברעאישע אויפשריפטן. דער אראבישער בעל הבית פון איינעם פון די רעסטאָראַנען, רעדט אַ גוטן העברעאיש. אינם רעסטאָראַן גופא, אויף די ווענט זעט מען העברעאישע אויפשריפטן, ווי: חיל עברי! כאן אסור לדבר על עניני הצבא!“ (יידישע סאָלדאַט! דאָ טאָר מען נישט רעדן וועגן מיליטערישע ענינים!) אָדער: „חיל עברי! כאן בנצרת אסור לשתות מים!“ (יידישע סאָלדאַט! דאָ טאָר מען נישט טרינקען קיין וואַסער!) פּרושים זענען נישט נויטיק.

תל אביב ווידער, די וואונדערבארע, שיינע יידיש אייראָפּייאישע שטאָט, פאַרמאָגט שוין פינף הונדערט טויזנט יידן־תושבים. פּאַרקן, אַלעען, גערטנער, פאָנטאַנען, באַצירן און באַחנ׳ען די מאָדערנע הייזער, רעגירונגס־בנינים, טעאַטערס און רעסטאָראַנען.

ווו זעט מען אַזוינע פּרעכטיקע הויכע ריזיקע מאַיעסטעטישע צעדער־בוימער ווי דאָ אין ישראל?

די מסעדות אונטערן פרייען לויטערן הימל באָדן זיך אין גרינס און בלומען. די געסט זיצן זיך באַקוועם אונטערן שאָטן פון פאַלמען בוימער, ווי אונטער פּאַראַסאָלן. אַזעלכע רעסטאָראַנען זענען גאָר נישט בנמצא דאָ אין לאָנדאָן. ביי נאַכט זעען מאַנכע גאַסן אויס ווי פּיקאַדילי און אפשר נאָך שענער, טאַקע צוליב די הערלעכע בוימער וואָס ווערן באַהעלט פון די עלעקטרישע שטראַלן.

דאָ בויט מען אַצינד אַ מלון, אַ האָטעל, מיט אַ ריזיקן פּאַרק נישט ווייט פונם ים, וואָס וועט אָפּקאָסטן אַ מיליאָן פונט.

אויף די גאַסן פון תל אביב הערט מען פאַרשידענע שפּראַכן, בעיקר העברעאיש און יידיש. עס דערשיינען דאָ כמעט אַלע העברעאישע און יידישע צייטונגען, זשורנאַלן, ביכער, וועלכע ווערן פיל געלייענט און גוט פאַרקויפט אין די ביבליאָטעקן און געשעפטן. אויך אויפן ראַדיאָ הערט מען אָפט יידיש. מאַנכע יידישע קלאַסיקער ווערן געלערנט אין די עברית שולן, יידישע פּיעסן ווערן אויך אויפגעפירט אין יידישע און העברעאישע טעאַטערן. פון צייט צו צייט באַווייזן זיך אין דער פּרעסע אָפּהאַנדלונגען וועגן זיי. בפרט אין די קאָמפּאַקטע יידישע עולים־ישובים ווערן אָפט יידישע פּיעסן אויפגעפירט אונטערן פרייען הימל.

העברעאישע ווערטער וועלכע האָבן אין יידיש אָנגענומען אַ נייע באַדייטונג, זענען ווידער אויפגענומען געוואָרן אין העברעאיש מיט זייער נייעם אָדער באַנייטן אינהאַלט; זיי האָבן זיך אומגעקערט אַהיים!...

עס האָט זיך שוין אַפילו געשאַפן אַ „סלענג“, אַ מין פּאָפּולערער זשאַרגאָן, אין וועלכן אַ סך העברעאישע ווערטער נעמען אָן יידישע פאָרמען און כאַראַקטער, ווי מפּמניק, קבוצניק, תרבותניק, קטנציק. אויף אַ קליינעם בנין זאָגט מען: בנינציק. אבא׳לע, אמא׳לע, און אַזוי ווייטער. יידיש האָט אַ גאָר גרויסע השפּעה אויף דער העברעאישער שפּראַך פון דער מאַסע. ביי מיר איז קיין ספק נישט, אַז יידיש וועט נאָך לאַנג, לאַנג באַנוצט ווערן אַלס אונזער צווייטע שפּראַך.



דער העברעאישער „סלענג“ אָבער, איז לויט מיין מיינונג, אַ געזונטע דערשיינונג; אַ באַווייז, אַז די העברעאישע שפּראַך האָט זיך שוין פאַרפעסטיקט, איינגעוואָרצלט און געוואָרן אוניווערסאַל. פּשוט, זי האָט שוין גאָר ניט וואָס מורא צו האָבן פאַר קאָנקורענץ מצד יידיש. רעדט דען דער פּשוטער ענגלענדער אַ ליטעראַריש ענגליש, אָדער אַ פּשוטער פראַנצויז — פראַנצויזיש? איז עס דען אַ וואונדער, וואָס אין תל־אביב, ווו די אָפיציעלע הערשנדיקע שפּראַך איז העברעאיש און ווו עס געפינען זיך, קיין עין הרע, אַזויפיל נייע עולים, רעדט נישט יעדער פּערפעקט העברעאיש?

אינטערעסאַנט איז, אַז אַפילו דער טשאָרטקאָווער רבי (מיינס אַ בן עיר) און זיין רביצין און אויך דער באָיאַנער רבי און אַפילו בעלזער חסידים, זענען אויך שוין „אַסימילירט“ געוואָרן, אויך זיי און בפרט זייערע קינדער, רעדן אַ חוץ יידיש, אויך אַ גאַנץ פיינעם העברעאיש.

---

פון תל אביב בין איך געפאָרן קיין ירושלים אין דער באַגלייטונג פון אַ מדריך. מיר פאָרן פאַרביי די גיגאַנטישע, מאַיעסטעטישע פעלזיקע בערג, הרי יהודה און הרי ירושלים. ס׳לויפן פאַרביי פאַר די אויגן פאַרכשופדיקע שפּאַנענדע לאַנדשאַפטן, בליענדע ישובים, וואָס מען האָט ערשט נישט לאַנג אויפגעבויט. דאָס אויג קלאַמערט זיך צו צו די פּרעכטיקע פּאַנאָראַמעס און ישובים אונטן ביי די ריזיקע בערג.

די פאַרשידענע קאָלירפולע, פאַרבנרייכע, אָריענטאַלישע פיגורן און געשטאַלטן, וואָס באַוועגן זיך אויף שריט און טריט אויף די ירושלימער גאַסן, און אויך די אייגנאַרטיקע, שטיינערדיקע אימפּרעסיווע הייזער, טראָגן אַן אייגנאַרטיקן כאַראַקטער. אומעטום אָטעמט עס מיט רוח הקודש. מען ווערט ממש איבעראַשט, איבערוועלטיקט פון דעם באַוועגלעכן לעבעדיקן פילם וואָס פאַרבלענדט די אויגן. עס איז פּשוט אוממעגלעך פאַרן אויג אויפצוכאַפּן אַזוי פיל געשטאַלטן, פיגורן, טיפּן און סצענעס, וואָס מען זעט אָט־אָ דאָ אין דער שטאָט ירושלים.

אין ביוראָ פון קרן קימת האָב איך מיך באַקענט מיט דר. בוימאַן פון לידז. צוהערנדיק זיך צו זיין צעבראָכענעם ביבליש־העברעאישן געשפּרעך מיטן קרן קימת פּקיד און נישט וויסנדיק מה טיבו של עובר זה (ווער ער איז און וואָס ער איז) האָב איך מיט אים אָנגעקניפּט אַ שמועס. ווייזט זיך אַרויס, אַז ער איז אַ קריסט און אַ תלמיד פון דר. סעסיל ראָט ביי וועמען ער האָט געלערנט דעם הכוזרי, רמב״ם, משנה, גמרא, און אַליין אַ פּראָפעסאָר פון דער אוניווערזיטעט אין לידז, ווו ער אונטעריכטעט אָריענטאַלישע למודים. ער איז אייגנס אַהערגעקומען ספּעציעל אָנקוקן די הייליקע שטאָט. אויף מיין פראַגע, פאַרוואָס ער רעדט נישט ענגליש מיטן פּקיד וועלכער רעדט אויך אַ גוטן ענגליש — ענטפערט ער, אַז אין ישראל, ווו די אָפיציעלע שפּראַך איז העברעאיש, דאַרף מען רעדן דאָס לשון פון לאַנד. און הגם ער באַהערשט נישט דאָס מאָדערנע העברעאיש, מאַכט ער דאָך אַלע אָנשטרענגונגען צו רעדן העברעאיש אינם נייעם יונגען לאַנד ישראל.

אָט אַזעלכע און ענלעכע טיפן טרעפט מען דאָ אָן אין ירושלים.

מיר גייען אַרויף אויפן הר הרצל. פונם שפּיץ בארג פון הערצל׳ס קבר, זעט מען די גאַנצע שטאָט מיט איר פּאַנאָראַמעדיקער געגנט. אַרום דעם קבר, שטייען פאַרפלאַנצטע יונגע בוימער, און אויף יעדן שריט און טריט וואַרפן זיך אין די אויגן די אויפשריפטן: „באַצי זיך מיט כבוד צו דעם אָרט״; „געדענק ווו דו געפינסט דיך!״

שטייענדיק אויפן הר הרצל זעט מען אויך אויף דער צווייטער זייט, דעם הר ציון. איך הער זיך איין ווי יידן רעדן צווישן זיך, ציִענדיק אַ פּאַראַלעל צווישן אָט אָ די צוויי בערג. „אָט אויף יענעם באַרג דאָרט, אויפן הר ציון, רוט דער געקרוינטער און געזאַלבטער קעניג און חוזה דוד המלך; און דאָ, אויף הר הרצל, רוט דער נישט געקרוינטער און נישט געזאַלבטער קעניג און וויזיאָנער דר. הערצל!״ איך האָב דעם איינדרוק געהאַט, אַז איבער הונדערט יאָר וועט אויך דער באַרג איינגעהילט ווערן אין אַ לעגענדע־שטייער.

אויפן וועג אַרויף צום הר ציון, צו דוד המלך׳ס קבר, באַמערקט מען כל־ערליי בונטע אָריענטאַלישע קליידער פון די עולי רגל מארבע פנות העולם, וואָס שטראָמען אין גרופּן פון אין דער פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט צום קבר פון דוד המלך.

„מי יעלה בהר ד׳״ — פלאַטערט אַן אויפשריפט אויף אַ ליינוואַנט ביי דעם באַרגיקן אַריינגאַנג צום קבר. אין דער מערה און אין די אַרומיקע חדרים ברענען ליכט, נר תמיד׳ס; און יידן זענען דאָ מתפלל, זאָגנדיק קאַפּיטלעך תהילים אָן אַן אויפהער. אַ הייליקער ציטער נעמט אַרום אַלע באַזוכער.

אַ טייל תימנער פּרויען וואָס קענען נישט לעזן קיין העברעאיש פונם אָריגינאַל, פאַרגייען זיך אין אַ האַרצרייסנדיק געוויין, זאָגנדיק תהילים פון אַ אַראַביש סדורל, און די מענער — פונם העברעאישן טעקסט.

יידן האָבן דורות לאַנג נישט געהאַט קיין דריסת הרגל אויפן אָרט פונם קבר. די מחמדאַנער האָבן נישט צוגעלאָזט, מורא האָבנדיק, אַז טאָמער זענען יידן מתפלל ביי אָט דעם קבר, קען נאָך חלילה דער יידישער משיח קומען...

אין אַ צימער נאָענט ביים קבר איז דער אַזוי גערופענער „חדר קבוץ גליות״. אין אַ גלעזערנע שאַפע ליגט חפצים וואָס ווערן דאָרט אויפבאַוואַרט לדור לדורות. צווישן אַנדערע געפינט זיך דאָ דער שופר, וואָס מען האָט געפונען אין קאָנצענטראַציע לאַגער בערגן בעלסן. „מיט אָט דעם שופר האָט מען געבלאָזן בעת דער פייערלעכער צערעמאָניע אינם יום טוב פון קבוץ גליות״.

בנוגע דעם קבר פון דוד המלך זענען פאַראַן פאַרשידענע השערות. ס׳איז שווער פעסטצושטעלן, זאָגן די צבֿרא׳ס בסוד סודות, (פאַרופנדיק זיך אויף די חוקרים) וויפיל אמת די לעגענדע ענטהאַלט, אַז דער דאָזיקער שטיין אין דער מערה איז דער אמתער אָרט ווו דוד המלך רוט. אויף מיר האָבן זייערע טענות נישט קיין גוטן איינדרוק געמאַכט, ווייל פאַר אונז יידן איז נישט וויכטיק וואָס די חוקרים באַהויפּטן. דאָס אָרט איז הייליק הן ביי יידן און הן ביי גויים מכמה דורות.



אחד העם זאָגט אין זיין ספר „על פרשת דרכים״ וועגן משה רבינו: „מעגן אַלע פאָרשער, אַרכעאָלאָגן, באַווייזן מיט אותות ומופתים אַז משה לא היה ולא נברא, אונז יידן אינטערעסירט דאָס כלל וכלל נישט! ביים פאָלק האָט משה תמיד געלעבט און וועט ווייטער לעבן עד סוף כל הדורות״. דאָס זעלבע איז אויך מיטן קבר דוד. ביי אונזער פאָלק און אויך ביי די אומות העולם איז דאָס אָרט פאַררעכנט אַלס דוד המלך׳ס קבר

איך האָב אויך באַזוכט די שטיבלעך פון די נטורי קרתא אין מאה שערים. עס איז אַ גאַנץ אַנדערע וועלט, אַ וועלט פון עקסטרעם פרומע יידן לומדים.

איך האָב מיך דאָרט אין אַ בית המדרש צוגעהערט צו די צאַרטע ווייכע טענער פון אמר אביי, אמר רבא פון צוויי יונגע קינדער אינם עלטער פון צוועלף־דרייצען יאָר, וועלכע האָבן זיך מפלפל געווען איבער אַ בלאַט גמרא אין בבא מציעה. מיין אַנוועזנהייט האָט זיי גאָרנישט געשטערט. זיי האָבן אַפילו ניט מסיח דעת געווען אויף קיין איין רגע פון זייער פּלפּולדיקן פלאַנטער. טאַקע ווי אמתע דערוואַקסענע לומדים.

---

דער נגב און באר שבע, די שטאָט פון אברהם אבינו, וואָס ווערן פיל מאָל דערמאָנט אין דער תורה, שטעלן מיט זיך פאָר שוין אַ גאָר אַנדער בילד. דער מדריך דערקלערט אונז, אַז לויט דעם איצטיקן פּלאַן פון דער רעגירונג דאַרף באר שבע ווערן אַ שטאָט מיט אַן ערך פון זיבעציק טויזנט איינוווינער. דערווייל ציילט זי אַכט טויזנט תושבים — יידן. באר שבע איז נישט מער די גרעניץ שטאָט פון דרום, ווי זי איז געווען אין די צייטן פון תנ״ך. מען זאָגט נישט מער „מדן עד באר שבע״, ווייל הונדערטער קילאָמעטער ווייט פון באר שבע, ביים ברעג פון ים סוף, בויט מען אַ נייע שטאָט וואָס רופט זיך, אילת. דער אַמאָליקער חלום פון דוד המלך צו פאַרוואַנדלען אילת אין אַ האַפּנשטאָט ווערט היינט פאַרווירקלעכט.

פון צייטן פון תנ״ך האָבן אין נגב עקזיסטירט בליענדיקע ישובים. האַנדלס־קאַראַוואַנען האָבן דאָרט געצויגן פון אָרט צו אָרט. היינט פאָרט מען פאַרביי שטחים פאַרוויסטע ערד, אָן אַ בוים, אָן אַ גרעזל און אָן אַ לעבעדיק באַשעפעניש. אָבער נישקשה, אונזערע חלוצים און חלוצות זענען גובר די דאָזיקע וויסטענישן. אין משך פון זעקס חדשים באַווייזן זיך אין די וויסטענישן הונדערטע צוויי שטאָקיקע בעטאָן־הייזער, און עס נעמט פולסירן אַ שפּרודלדיק יידיש לעבן לכל פרטיו ודקדוקיו.

וויסנשאַפטלער און אַגראָנאָמען באַהויפּטן, אַז נעמענדיק אין באַטראַכט די נאַטור באַדינגונגען פון וואַסער און באָדן, וועט מען קענען אין די נאָענטסטע צען יאָר פּראָדוצירן גענוג צו באַשפּייזן אַ באַפעלקערונג פון פיר מיליאָן נפשות. אין פיר יאָר אַרום וועלן דאָ שוין זיין אויפגעבויט טויזנטער דערפער, וואָס וועלן פאַרזאָרגן טויזנטער משפחות. אין משך פון צען יאָר וועט דאָס לאַנד בכלל און דער נגב בפרט פאַרפלאַנצט ווערן מיט אַן ערך פון צוויי הונדערט און פופציק מיליאָן בוימער.

עס וואָלט זיך געוואָלט דערלעבן כאָטש נאָך צען יאָר, ווידער באַזוכן ישראל און זעען ווי אַזוי דער נגב, דער נאָך היינטיקער זאַמדיקער מדבר, וועט אויסזען אין יענע טעג.

---

מען זאָגט, אַז די אַרבייטסלאָזיקייט איז אַ גאָר גרויסע. דאָס איז גראָד נישט דער גאַנצער אמת. אמת איז, אַז ס׳זענען פאַראַן אַ סך שוועריקייטן, קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען פון שיכון, פון באַקליידונג, פון באַשפּייזונג און אַ מאַנגל אין רוי מאַטעריאַל. עס פעלט האָלץ פאַר בויען הייזער, עס פעלט אייזן און אַנדער מאַטעריאַלן, און די טויזנטער עולים מוזן דערווייל לעבן בדוחק. האָבנדיק פאַר זיך אַזאַ מאַסן אימיגראַציע איז עס גאָר נישט קיין וווּנדער. ביסלעכווייז אָבער אָרדנט זיך יעדער איין. און די אַרבייטסלאָזיקייט איז דאָך פּראָצענטועל נישט קיין גאָר גרויסע. און בפרט אַז צווישן די אַרבייטסלאָזע געפינען זיך אַזעלכע, וואָס צוליב אַלטקייט אָדער געזונדהייטס צושטאַנד קענען זיי נישט געפינען קיין אַרבייט, אָבער די מענטשן וואָס זענען בכח און האָבן דעם רצון צו אַרבייטן באַקומען זי אומעטום.

מיך האָט גראָד אינטערעסירט אָט אַ דער ענין. קומענדיק אין קאָנטאַקט מיט תימנער יידן און סתם עולים, האָב איך זיי געפרעגט: יש עבודה? האָסט אַרבייט? כמעט יעדער האָט געענטפערט: יש עבודה, ואני בארץ ישראל. (איך האָב אַרבייט און בין גליקלעך צו זיין אין ישראל). ושכון יש? האָסט אַ דירה? „בעוד חודש אם ירצה השם“, „אין אַ חודש אַרום, — זאָגט ער, — וועל איך האָבן אַ דירה“, און וואָס איז בנוגע דער עקאָנאָמישע לאגע? פרעג איך אייַנעם. דערויף ענטפערן מיר אַן עדה יידן „אין דבר“ (ס׳מאַכט נישט אויס) „יהיה טוב“ (ס׳וועט זיין גוט). ענלעכע תשובות האָב איך אויך באַקומען פון סתם עולים. כמעט אַלע זענען אָפּטימיסטיש.

מ׳וועט איבערקומען דעם משבר (דעם קריזיס) „יהיה טוב“. ס׳וועט זיין גוט זאָגן זיי.

איצט איז גראָד אַ מאַנגל אין אַרבייטער פון פרייע פּראָפעסיעס. עס איז נישטאָ גענוג אינזשענירן אויסצופירן דעם באַוואָסערונגס פּלאַן; נישטאָ גענוג אַרכיטעקטן, בוימייסטערס, דאָקטוירים און סתם גוטע בעלי מלאכות. די פּאַרוויסטע שטחים ערד לעכצן נאָך אַזעלכע כוחות. אַ בעקער, אַ מאָלער פון טירן און פענסטער, אַ סטאָליאַר און אַנדערע גוטע בעלי מלאכות פאַרדינען צו דריי פיר פונט (לירות) אַ טאָג. פאַר זייער הצטרכותן קומען זיי אויס מיט אַן ערך פון אַנדערטהאַלבן פונט (לירות) אַ טאָג.

מען זאָגט אויך, אַז אין ארץ ישראל איז אַ הונגערנויט. אָט די די באַהויפּטונג איז פשוט איבערגעטריבן. ווי אַזוי קען זיין אַ רייד פון אַ הונגערנויט, אַז ברויט איז פאַראַן בשפע רב און אויך מאַרגאַרין און ירקות.

אוודאי פעלן אויס וויכטיקע לעבנס־מיטל, אוודאי מאַכט דאָס לאַנד אַצינד דורך אַ זייער שווערן קריזיס. דערווייל איז ברוך השם, נאָך קיינער נישט געשטאָרבן פון הונגער, — אַזוי טענהן די ישראל יידן. מען מוז עס אויך צו־געבן. ס׳איז אויך אמת, אַז אונזערע פּקידים (באַאַמטע) האָבן נאָך נישט די



געהעריקע מלוכהשע דערפאַרונג, ס׳זענען אויך ליידער פאַראַן פאַלן פון קאָרופּציע. מען וועט אָבער אַלץ איבערקומען. אַז אַזאַ גרויס פאַרפונדעוועט לאַנד ווי אויסטראַליע וועלכעס פאַרמאָגט אַצינד צוויי הונדערט טויזנט אימיגראַנטן קען זיך אויך קיין עצה נישט געבן ווי אַזוי זיי איינצואָרדענען און קוקן אַרויס אויפן חסד און גענאָד פון אַמעריקע אַרויסצוהעלפן זיי פון דער דאָזיקער פינאַנציעלער צרה, איז וואָס קען מען פאַרלאַנגען פון אַזאַ קליין יונג לאַנד? דער וועלט־שלום שטייט אויף משקולת, דער שלום מיט די אַראַבער איז נאָך אויך נישט פאַרענדיקט. מען דאַרף זיך צוגרייטן אויפן פאַל פון אַ מלחמה, דערפאַר מוז דאָס לאַנד אויסדויער האָבן און האָפן אויף בעסערע צייטן.

יידן זענען אַן עם קשה עורף. נישט געקוקט אויף די מכשולים און שוועריקייטן, באַאַרבייטן זיי אינטענסיוו, עקשנותדיק דעם נגב, בויען און באַפרוכפּערן אים, זינגענדיק דערביי דאָס שיינע פּאָפּולערע אַרבייטס־ליד (שיר העבודה):




I

כחל ים המים,
נאוה ירושלים.
אורים השמים,
על נגב וגליל.

II

השמש, אורי לנו, אורי,
המחרשה, עברי, עבורי,
חרשי בתלם וחזורי,
עד לילה, ליל יאפיל.

III

שיר, שיר, עלה נא,
בפטישים נגן, נגנה,

IV

במחרשות רננה,
השיר לא תם, הוא רק מתחיל.

אָט אַזוי זינגט און שאַפט זיך די בויענדיקע יונגע מדינת ישראל.

בן-א. סאכאטשעווסקי

# יוסף הלל לעווי א בן שישים

(דער דיכטער פון פרומע געזאַנגען און ראָמאַנס)

צו שרייבן אַ אָפּשאַצונג וועגן אַ דיכטער צו זיין זעכציק יאָריקן געבוירן טאָג איז אַ אויפגאַבע, וואָס איז אונמעגלעך דורכצופירן אין אַ קורץ אַרטיקל. און נאָך שווערער ווערט די דאָזיקע אויפגאַבע ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ חבר, אַ יוגנט חבר, ווייל דאָ שפּילן שוין מער ראָלע זכרונות ווי עפּעס אַנדערש, און איך שלאָג מיך אָן אין דער שוועריקייט ווען איך דאַרף שרייבן וועגן יוסף הלל לעווי מיט וועלכן איך האָב מיך באַקענט בעת מיר זענען נאָך געוועזן אַזוי יונג.

עס זענען שוין פאָריבער מער ווי פינף און פערציק יאָר זינט מיר האָבן געשלאָסן חברשאַפט. דאָס איז געווען אין קראָקע, גאַליציע, אַ שטאָט וואָס איז געווען פול מיט חלום, מיט פויליש־יידישער געשיכטע, מיט קונסט, אַקאַדעמיזם, און פון וואַנען דער פויליש סאָציאַליסטישער געדאַנק האָט זיך דורכגעשמוגלט איבער די גרעניצן פון דעם דאַמאָלטדיקן צאַריסטישן רוסלאַנד.

עס איז געווען אין אַ שבת אָונט ווען מיר האָבן זיך באַקענט אין דעם יידיש סאָציאַל־דעמאָקראַטישן קלוב. יוסף האָט געהאט לאנגע שווארצע האָר וואָס זענען אַראָפּגעהאָנגען פון זיין קדקוד און זיך צוזאַמענגעמישט מיט דעם שוואַרצן סאַמעט פון זיין רעקל. ער האָט געהאט אַ לענגלעך פּנים, אַ בלאַס, און אויגן ברייטע, פאַרחלומטע האָבן אויף מיר געקוקט ווען ער האָט מיר דערלאנגט זיין האנט פאר שלום. עס איז דאן געווען דער דריטער טאָג זינט מיין אָנקום אין קראָקע.

איך בין דאָרט געווען אַ פרעמדער נאָר יוסף הלל לעווי האָט דאָרט געהאַט זיין היים. קראקע איז געווען זיין געבורטס שטאָט. ער האָט געוווינט אין אַ קליין הייזל נעבן דער אלטער איינגעבויגענער שוין כמעט האלב געזונקענער שול. זיין טאַטע איז געווען אַ סופר, און זיין מאַמע, די פרומע, די אינטעליגענטע מאַמע, האָט באטראכט מיט ליבשאפט און רחמנות אַ צוגערייזטן פרעמדן יינגל־דיכטער.

דאָרט אין דער מאַטעריעל אָרימער היים בין איך אָפט איינגעלאַדן געוואָרן פאַר אַ פרייטאָג אָנגערייטער זופּ, אָבער ניט די פרייטאָג זופּ נאָר יוסף׳ס פאָטער דער סופר האָט מיך געלאָקערט. אויב עס איז דאָ אַזעלכעס ווי קדושה, איז די קדושה געלעגן אויסגעגאָסן אויף זיין בלאַס פאַרמעט פּנים, און זיינע אויגן זענען געווען פול מיט ליכטיקייט, מיט אמונה. אין זיין חדר מיוחד ווו ער פלעגט טאָן זיין עבודת הקודש האָט אויף מיר געמאכט אַן איינדרוק ווי בלויז הייליקע נשמות וואָלטן דאָרט אַרומגעשוועבט אין בלענדענדיקע הייליקייטן.

די לידלעך וואָס יוסף הלל לעווי האָט שוין צו יענער צייט פאַרעפנטלעכט זענען געווען די ערשטע צארטע צאפלענישן פון זיין נשמה. זיי זענען דאָס רוב באַשטאַנען אין ציקל־לידלעך פון ראָמאַנסן, יוגנט־ווייי, חלומות, באַגייסטערטע און אינספירירטע נאַטור געזאַנגען, זון אויפגאנג, בין השמשות און בענקשאַפטן צו עפּעס וואָס דארף נאָך דערגרייכט ווערן.

די יונגע יידישע דיכטונג אין יענע טעג, און בעיקר אין גאליציע, איז גאָר שטארק געשטאנען אונטער דער היינריך היינישער השפעה, און יוסף איז אויף דעם דאָזיקן געביט ניט געווען קיין אויסנאַם. יעדע פון די דאָזיקע לידלעך זיינע האָט זיך געדארפט פארענדיקן מיט אַ מין אויסשאָס־געדאנק, מוסר השכל. דאָס איז צו יענער צייט באטראכט געוואָרן פאר אָ נויטווענדיקייט אין דיכטונג. עפּעס האָט צום סוף געמוזט געזאָגט ווערן כדי עס זאָל איבערבלייבן אַן איינדרוק, אַ שטיקל רושם, און יוסף איז אויך אויף דעם געביט געווען אַ מייסטער. ער האָט אויך געהאַט דאָס מזל וואָס איינע פון זיינע לייענער איז געווען זיין מוטער, און אויך זיין טאַטע דער סופר האָט באַהאַלטענערהייט הנאה געהאט פון זיין זון, דעם יונגן, גלייך און שטאָלץ געוואַקסענעם, משורר.

יוסף האָט אויך באַזעסן די פעאיקייט אַלס דעקלאַמאַטאָר, אַזוי, אַז עס איז פּשוט געווען אַ תענוג אים צו הערן פאָרלייענען זיינע אייגענע לידער אָדער דעקלאַמירן די ווערק פון אַנדערע דיכטער. עס איז איבעריק צו זאָגן אַז איך האָב אין לעווי׳ן געפונען דעם אידעאַלן חבר און קאָלעגע. אָפט האָבן מיר צוזאַמען אַרומשפּאַצירט איבער די קראקאווער בלאָניעס, אין די פלאנטן, אַרום די ברעגן פון דער ווייכסל, אַרויף אויף דעם באַרג קאָשטשושקאָ, אַרומגעבלאָנדזשעט אין דער וואווועל, אָדער אויף די פאדגוזשער בערג. אָבער ניט תמיד זענען אונזערע שמועסן געווען פארבענקטע, ניט תמיד האָט מען גערעדט וועגן פּאָעזיע, זיך געשפּאַרט וועגן קונסט לשם קונסט, נאָר עס זענען אויך געווען מאָמענטן פון יינגלשער פרייד, שטיפעריי מיט מיידלעך, און זאָרגלאָזן געלעכטער. עס האָט געוואַרעמט די אינערלעך געפיל, אַז מיר זענען אַנדערש ווי אַנדערע, אַז מיר זענען דיכטער, אַ מין אויסדערוויילטע פון כלל מיט אַ מיסיע צו ברענגען שיינקייט, גליק פאַר דער מענטשהייט, און אַליין זיך דערוועררבן גרויסקייט און רום. עס פארשטייט זיך, אַז מיר האָבן זיך געשעמט אַרויסצוזאָגן די דאָזיקע געדאנקען און געפילן, אָבער זיי זענען אין אונז געווען, און מיר האָבי זיך אין זיי געוואַרעמט און מיט זיי שטאָלצירט.

— געדענקסט דאָס, יוסף?

אין יענע טעג האָבן מיר אַפילו געגלויבט, אַז דיכטער, קינסטלער און מוזיקער קאָנען בלויז זיין די יעניקע וואָס לעבן אין דער אַקאַדעמישער שטאָט, קראקע. אויך אברהם רייזין, אברהם וועוויארקע, שעפּס, בימקא און אַ רייע אַנדערע יידישע דיכטער פון רוסלאנד און רוסיש־פוילן זענען צו יענער צייט געווען אין קראקע, חוץ עס פארשטייט זיך אַ צאָל גאַליצישע דיכטער און שרייבער. עס איז אָבער איצט ניט דער מאָמענט זיך אָפּצושטעלן וועגן די דאָזיקע פרטים, נאָר וועגן יוסף הלל לעווי גופא, צו דער געלעגנהייט פון זיין זעכציק יאָריקן געבורטסטאָג און זיין לערך פופציק יאָר דיכטערישן שאַפן.

אין גאליציע איז יוסף מפורסם געוואָרן אַלס דיכטער באַלד פון די ערשטע שריט וואָס ער האָט געמאכט מיט דעם אָנהויב פון פארעפנטלעכן זיינע לידער. אויב מיין זכרון נארט מיך ניט אָפּ זענען זיינע ערשטע לידער געדרוקט

געוואָרן אין דעם „יידישן אַרבייטער“, אַ פועלי ציון וואָכנצייטונג, וואָס איז דערשינען אין לעמבערג אונטער דער רעדאַקציע פון א. ל. שוסהיים. זיינע פּאָעמעס זענען אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „סאָציאַל דעמאָקראַט“, אין דעם „לעמבערגער טאָגבלאַט“, און אין אַ רייע אַנדערע גאַליציאַנער ליטעראַרישע אויסגאַבן. שפּעטער זיינען זיינע לידער און עסייען דערשינען אין אַמעריקאַנער יידישע צייטונגען און זשורנאַלן און אין אייראָפּעאישע יידיש ליטעראַרישע אויסגאַבן.

יוסף הלל לעווי איז יונג און גיך באַקאַנט געוואָרן אַלס באגאבטער און זייער טאלאנטפולער דיכטער. זיינע לידער און עסייען זענען אויך איבערגעדרוקט געוואָרן אין לאָנדאָנער יידישע צייטונגען און זשורנאַלן. אויף אַזאַ אופן האָט זיך דער יידישער לייענער אין לאָנדאָן אויך באַקאַנט מיט דעם דיכטער בעת ער איז נאָך געווען זייער יונג.

זיין ערשטער בוך, דער הערליכסטער חלום פון יעדן יונגן דיכטער, איז דערשינען אין פארלאג לאקס אין קראקע אונטערן קעפּל „דאָס אַלטע ליד“. עס האָבן דאַן נאָכגעפאָלגט זיינע ביכער פּאָעמעס ווי „יוגנט וועלטן“, „פרומע געזאַנגען“, „אַלטע און נייע לידער“, וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן פון פאַרשידענע פארלאגן אויסערהאלב קראקע. פון דאַן אָן איז אַריינגעטראָטן אַ מין שטילקייט ניט אין זיין ווייטערדיקן שאַפן, נאָר וואָס אנבאלאנגען דאָס אַרויסגעבן פון נייע ווערק אין בוך פאָרם. דער גורל האָט אים געפירט קיין מינכן, דייטשלאַנד, ווו ער האָט פארבראכט אַ סך יאָרן פון זיין לעבן. דאָרט האָט אים שוין געפעלט די נויטיקע דיכטערישע געזעלשאַפטלעכקייט, אָבער ערשט מיט דאָס קומען פון דעם היטלער רעזשים איז דער דיכטער געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן דאָס מערדערישע דייטשלאַנד, געוואַנדערט איבער איטאַליע, ביז וואַנען ער האָט זיך ענדלעך דערשלאָגן צו די ענגלישע ברעגן, און אין לאָנדאָן געפונען זיין היים צוזאַמען מיט זיין פרוי און קינדער.

אונטער די היגע לאָנדאָנער ניט זייער גינסטיקע באַדינגונגען פאַר אַ יידישן דיכטער, אַפילו דאָ, האָט זיך אין לעווי'ן אָנגעצונדן דער באַנייטער חשק אַרויסצוגעבן אין בוך פאָרם זיינע לידער און פּאָעמעס כדי זיי זאָלן אַלס איינציקע ניט צובלאָזן ווערן פון ווינט און פארגעסן ווערן. דאָס בוך איז פאר דעם דיכטער אַ לעבעדיקע מצבה וואָס ער וויל איבערלאָזן נאָך זיך פאַר דער צוקונפט.

דאָס ערשטע בוך זיינס וואָס איז דערשינען אין לאָנדאָן איז געווען „אונטערן שווערד“, אַ זאַמלונג לידער צוזאמען מיט דעם שרייבער פון די שורות. דאָס בוך איז באשטאנען אין צוויי חלקים, און עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף אַזאַ אופן כדי צו פייערן דעם ווידער צוזאַמענקום פון צוויי יוגנט חברים.

באַלד דערנאָך איז דאָ דערשינען לעווי'ס „קראקע“, און עס האָבן נאָכגעפאָלגט זיין ווערק „מיין טאַטע דער סופר“. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ ביכל דערציילונגען אונטערן נאָמען „ווען די וועלט ברענט“.

אַ גאָר גרויסן רושם אין דער יידיש ליטעראַרישער וועלט האָט געמאַכט יוסף הלל לעווי'ס „פרומע געזאַנגען“, אַ מאָנומענטאַל ווערק אין וועלכן דער



דיכטער ברענגט אַזוי הערלעך און בולט אַרויס דאָס געשטאַלט פון זיין פאָטער דער סופר און די ממש פארכשופטע פרומע קדושה וואָס האָט געהערשט אין זייער געוועזענער היים, אין דעם קליינעם הייזל נעבן דער אלטער שול אין קראקע. אַ באַדייטנדיקן איינדרוק האָט אויך געמאכט זיין בוך „קראקע“, וואָס איז אַ שטיק יידישע געשיכטע אין דיכטונג וועגן דעם לעבן אין זיין געבורטס שטאָט, און אויך די אַנדערע ביכער זיינע האָבן געפונען אַ טיפן אָפּקלאַנג אין דער יידיש ליטעראַרישער קריטיק. עס האָבן וועגן זיינע ווערק פאַרעפנטלעכט לאנגע אָפּהאַנדלונגען אברהם רייזין, זלמן רייזין, גרשון באדער, מלך ראַוויטש, א. אלמי, באשעוויס, באטאשאנסקי, גרוזמאַן, יוסף לעפּטוויטש, דער שרייבער פון די שורות, און פיל אַנדערע. אַלע האָבן געהאט צו זאָגן פיל שבחים וועגן זיין קינסטלערישן שאַפן.

יוסף הלל לעווי איז די גאנצע צייט פאַרבליבן דער דיכטער פון פיינער פּאָעזיע, בענקשאַפט, אמונה, ראָמאַנס, נאָר דער אומגליק איז געווען וואָס דער גורל האָט אים פונקט ווי פיל אַנדערע יידישע דיכטער געפירט אויפן וועג פון אָפּגעשלאָסנקייט אין פארוואָרפענע יידישע ישובים, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אַ קלאָגעדיקן ניט פרוכטבארן באָדן פאר מעגלעכער אויסשפּרייטונג פון יידישן קינסטלערישן שאַפן. די אנדערע באַדייטנדער צרה פון וועלכער אזעלכע דיכטער ווי לעווי ליידעט איז עניוות, שוין צופיל עניוות, נאָר דאָס איז אַ חולאת, וואָס איז כראָניש, אונהיילבאַר אין כאַראַקטער פון סאָמן געבורט אָן.

יוסף הלל לעווי איז צו זיין זעכציק יאָריקן יובל נאָך כמעט אַ יונגערמאַן אין דער ראָמאַנטישער און פול בלוטיקער זאַפטיקייט פון זיין דיכטערישן שאַפן, און וואָס קאָן מען דען ווינטשן אַ עלטערן־יונגען דיכטער מער ווי נאָך אַ סך יאָרן פון פרוכטבארער דיכטערישער טעטיקייט?

לעווי אַליין גלויבט דאָך אויך, אַז עס וועט אַמאָל קומען אַ צייט ווען מענטש וועט צוריק מענטש ווערן, ווען גייסט און קונסט וועלן פארנעמען דעם סאַמען אויבן־אָן, ווען מען וועט שוין מער ניט וויסן פון האָס און פאַרניכטונג, און שלום און רו וועט הערשן אויף דער וועלט.

צום שלוס זאָל מיר נאָך דערלויבט זיין אַריינצוברענגען אַ פערזענלעכע ברכה און זאָגן צו אים:

יוסף, זאָלן דיינע אויגן און דיין נשמה נאָך פארבלייבן יונג, אַזוי ווי דעמאָלט בעת אונזער ערשטער באגעגעניש אין קראקע מיט איבער פינף־און־פערציק יאָר צוריק. זאָלן דיינע ווייטערדיקע שאפונגען זיין באַהויכט מיט אמונה אין זיך און אין דער מענטשהייט. עס וועט נאָך קומען דער טאָג ווען דיינע ווערק וועלן געזאַמעלט ווערן כדי זיי צוזאַמען מיט די ווערק פון אַנדערע יידישע דיכטער אַוועקצושטעלן פאר די אויגן פון אונזער פאָלק און פון דער וועלט אַלס גייסטיקן אוצר פון אונזער איצטיקער שווערער עפּאָכע.

גיי אָן מיט באַנייטער ענערגיע אַרויסצוטריפן דיכטערישע פערל פון דיין פיינער און אידעלער נשמה, און זאָלן דיינע קומענדיקע יאָרן זיין געבענטשט מיט געזונט, פרייד און מיט בטחון אין שענערע טעג, וואָס וועלן נאָך קומען פאַר אונזער פאָלק און פאר דעם גאנצן ליידנדיקן מענטשלעכן מין.

## יוסף הלל לעווי

# ווער דאַרף דאָס יידישע בוך ?!

„דער מצב פון דעם יידישן שרייבער איז פשוט אַ פאַרצווייפלטער — מחמת ער שרייבט זיינע אייגענע ביכער אויף אייגענער אחריות — קיינער פאָדערט זיי נישט ביי אים, קיינער וואַרט נישט אויף זיי; אויף אַרויסצוגעבן זיי מוז ער אָנקומען צו קהל, וואָס דאַרף אים (אַזוי דאַכט זיך קהל!) נישט האָבן, און אויף צו פאַרקויפן זיי מוז ער גיין איבער די הייזער ממש, אַליין אָדער מיט קהלישע פיס; און אַז מען נעמט שוין זיין בוך — אין בעסטן פאַל איז עס צוליב גוטהאַרציקייט און צוליב גוט דערצויגנקייט. אין ערגסטן פאַל — ווערט מען אים דירעקט אָדער דורך די פאַרקויפער געבן אָנצוהערן: אַז ער איז „אַ שנאָרער", און נישט מען קויפט זיין בוך נאָר מען גיט אים אַ נדבה". (אַזוי שרייבט י. ראַפּאַפּאָרט אין זיינעם אַן עסיי איבער יידישע שרייבער). עס איז קלאָר אַז מיר קענען די אויספירונגען מיט אַ גוטן געוויסן אַקצעפּטירן מחמת אַ הונדערט פּראָצענטיקער טרויעריקער אמת ליגט אין זיי.

אָבער דר. מוקדוני׳ס באַמערקונג: „דאָס יידישע בוך איז געוואָרן אַ רויט־טיכל מיט וועלכן מ׳גייט איבער די הייזער. פאַרשטייט זיך אַז שנאָרן מיט ליטעראַטור טוען דער עיקר — האַלב און גאַנצע גראַפאָמאַנען און סתם געבוירענע שנאָרער. אָבער צו אונזער גרויסן ווייטאָג איז דער גרעסטער טייל פון אונזערע שרייבער אויך אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער ליטעראַרישער שנאָרעריי, און אין אירע האַלב מאַסקירטע פאָרמען.

„ דאָס יידישע בוך איז געוואָרן אַ טאָרבע; דאָס שלעכטע בוך, דאָס טאַלענטלאָזע בוך איז די אָפענע טאָרבע. און דער אמת איז, אַז אַ דריי־פערטל פון די דערשינענע ביכער ווערן אַרויסגעגעבן: מיט הילף פון גוט־האַרציקע מעצענאַטן, פון פריינט און פון אָרדן־ברידער. די שרייבער האָבן אויסגעהאָדעוועט גראַשענע מעצענאַטן — וואָס צוליב אַ ביסל כבוד און כדי צו צאָלן ווייניקער שטייערן, וואַרפן זיי צו דעם אָרימען שרייבער, פאַר דער אויסגאַבע פון זיינעם אַ בוך, אַ הונדערטער, אָדער אַ צוויי־הונדערטער און פטור אַן עסק!"

מוזן מיר מיט געוואַלט צוריקוואַרפן דר. מוקדוני׳ס באַמערקונג אַלס אַן אויבן־אויפיקע באַטראַכטונג.

ווייל ראשית כל, האָבן גוטע און שלעכטע ביכער, מיטן פאַרקויף לחלוטין נישט צו טאָן, דערפאַר טאָרן די פרשות נישט פאַרמישט ווערן. והשנית — און דאָס איז דער עיקר: יידישע שרייבער וואָס פאַרקויפן אַליין זייערע ביכער זענען נישט קיין שנאָרער! ווייל זיי נעמען נישט מער ווי דאָס בוך קאָסט. און אויב פאַרקויפן אַ וואָס עס זאָל נישט זיין חפץ אין פריוואַט מיינט שנאָרן, דאַן זענען אַלע פעדלער, און פריוואַט־אַגענטן אויך שנאָרער, אָבער דאָס איז נישט ריכטיק! פונקט אַזוי פאַלש איז אויך מוקדוני׳ס באַהויפּטונג, אַז יידישע שרייבער האָבן זיך אויסגעהאָדעוועט „גראַשענע מעצענאַטן", וועלכע פאַר־



ברענגען צוליב אַ ביסל כבוד אַ הונדערטער אָדער צוויי־הונדערטערל וואָס זיי וואָלטן סיי ווי געמוזט פאַר שטייערן אָפּגעבן. דאָס מיינט אומעטום אַ פאַלשן פשט אַריינטייטשן . . . מען טאָר אויך דעם יידישן מעצענאַט נישט אַזוי מבטל זיין, — ווייל ראשית פאַרמאָגן מיר זיי נישט צופיל, והשנית — זענען נישט אַלע גלייך . . .

מען טאָר נישט פאַרבייטן וואָס מענטשן רופן אַן אומכבוד, מיט „שנאָרעריי". ווען אַ יידישער שרייבער גייט אַליין אַרום פאַרקויפן זיינס אַ בוך איבער וועלכן ער האָט ערלעך געאַרבייט יום ולילה, גלויב איך אַפילו נישט אַז דאָס זאָל זיין אַן אומכבוד; אָבער מיט שנאָרעריי האָט דאָס לחלוטין שוין גאָרנישט צו טאָן!

גראַפאָמאַנען, שונדיסטן, שמירער און שנאָרער, איז אין יעדן באַרוף פאַראַנען די — והותר, אָבער דערפון ווערט נישט דערנידריקט דער באַרוף נייערט די פאַבריצירער פון דעם מין סחורה...

עס איז ליידער לעצטנס געוואָרן שוין אַזוי עפּידעמיש — אַז אַפילו שרייבער גופא (ס׳מיינט אַזעלכע גליקלעכע וואָס פאַרלעגער געבן אַרויס זייערע ביכער, אָדער זיי געפינען זיך אין בעסערע סיטואַציעס) הויבן שוין אויך אויף זייער קול מיט אַזעלכע איבערגעטריבענע עפּיטעטן: ווי ביכער פאַרקויפן וואָלט באמת געווען אַ שנאָרעריי! און דאָס פאַרשטייט זיך איז נאָך מער בושה מחמת עס קומט פון אַזעלכע וואָס וואָלטן געדאַרפט בעסער פאַרשטיין דעם גאַנצן אָנגעווייטאָקטן ענין...

אויב פאַרקויפן די אייגענע ביכער מיינט באמת שנאָרן, — דאַן זענען רעמבראַנד, רובענס, לעאָנאַרדאָ, דאַווינטשי, מורילאָ, סעזאַן, דירער און האַלביין ווי נאָך אַזעלכע געניאַלע פערזענלעכקייטן אויך שנאָרער געווען! מחמת נישט נאָר איינעם פון זיי איז כמעט אויסגעקומען צו גיין פאַרקויפן זיינע בילדער צו אַ פריוואַט קונה: אַ קייזערל, אַ פּריצל, אַ גלחל און להבדל אַ רבל . . . אָדער אָפּצוזוכן זיך אַזאַ פאַרשווינדל אויף צו קענען טאַקע מאָלן זיין פאָרטרעט און בניה ביה אַ צייט לאַנג ביי אים אויף קעסט צו לעבן, און עסן טעג . . .

און אויב עס איז זיי אָנגעשטאַנען, און זיי האָבן זיך דערמיט נישט געשעמט — מעג עס דעם יידישן שרייבער אויך אָנשטיין, און ער האָט זיך אוודאי דערמיט נישט וואָס צו שעמען. (און סוף כל סוף דערנידריקט נישט דאָס הייניקע קליינלעכע לעבן פון אַ שרייבער זיינע גרויסע ווערק נאָר פאַרקערט,— מ׳איז אים אָפּט מוחל אַ דאַנק זיינע גרויסע ווערק זיין קליינלעכן לעבן...). אַליין פאַרקויפן ביכער (ווי שוין פריער דערמאָנט) איז אַבסאָלוט נישט קיין שנאָרעריי, דער דאָזיקער באַגריף איז אַ גרונט אויס פאַלטשער און מוז דערפאַר מיט דער גרעסטער ריגאָראָזיטעט פאַרמשפט ווערן! ווייל ווער עס פאַרקויפט דער שנאָרעט נישט, און ווער עס שנאָרעט דער פאַרקויפט נישט!

איך גלויב אויך נישט אין דעם, אַז שלעכטע ביכער וואָס דערשיינען שלאָגן אָפּ דעם אַפּעטיט פון דעם יידישן לייענער וואָס איז נאָך געבליבן צו קויפן און צו לייענען גוטע ביכער, און באַשאַפן דערפאַר ווי דר. מוקדוני

זאָגט: „אַ באַציאונג פון ביטל אַפילו צום בעסטן יידישן בוך”; מחמת עס דערשיינען אויך יעדעס יאָר אַ געוויסער סכום פון שלעכטע ביכער אויף די ביכער־מאַרקן פון אַלע ליטעראַטורן, און דאָס האָט נאָך קיינמאָל נישט אָפּגעשלאָגן דעם אַפּעטיט פון גוטן בוך. ווייל עס זענען פאַראַן — גוטע און שלעכטע לייענער, פונקט אַזוי ווי עס זענען פאַראַן גוטע און שלעכטע שרייבער, אומאָפּהענגיק איינס פון דעם אַנדערן.

„ווען דער יידישער שרייבער וואָלט צוליב מאַנגל אין אַ לייענער־מאַסע אין אמתע מעצענאַטן, נישט געווען בלויז ביכולת צו לעבן פון זיין אַרבעט וואָלט נאָך געווען אַ האַלבע צרה”, (שרייבט י. ראַפּאַפּאָרט ווייטער), „אָבער דער גורל פון יידישן שרייבער איז אַ סך ערגער; ער קען נישט נאָר נישט לעבן פון זיין אַרבעט, נאָר ער קען אויך נישט דערפילן זיין אויפגאַבע צוליב דעם. ער, וואָס איז די צונג פון פאָלק, ווערט שטום, און צוזאַמען מיט אים ווערט אויך שטום די נשמה פון זיין פאָלק.

אָבער ווי קען מען אַרויסגעבן יידישע ביכער, ווען קיינער קויפט זיי נישט, ווען קיינער דאַרף זיי נישט האָבן? צי איז נישט קיין עבירה אַרויסצוּוואַרפן געלט אויף ביכער וואָס וועלן בלייבן ליגן ווי אַ שטיין, בשעת די באַדערפעניש פון יידישן פאָלק זענען אַזוי גרויס?

דער וואָס פאַרשטייט אָבער אַז אַ בוך, דאָס בוך, איז עפּעס מער ווי אַ געשעפטלעכע טראַנזאַקציע וואָס ווערט רעגירט דורך דעם פּאָרל באַגריפן: „עס לוינט, און עס לוינט נישט”, קאָן זיך נישט באַרואיקן מיטן דאָזיקן, פון סוחריש־פּראַקטישן שטאַנדפּונקט ריכטיקן ענטפער: „אַז עס איז נישט קיין נאָכפרעג אויף סחורה דאַרף מען זי נישט”. אָדער, צי האָט דען ווער געוואָלט נעמען די תורה פון משה רבינו?

האָט מען זיך דען נישט אַרומגעטראָגן מיט איר פון אומה צו אומה, און קיין איין בעלן האָט זיך נישט געפונען אויף איר ביז מען איז געקומען צו די יידן און אַרויפגעצוווּנגען זי אויף זיי: „כפו עליהם הר כגיגית”.

און דאָס פאָלק אַ דערשראָקנס, אַ געצוווּנגענס אָנצונעמען די תורה, האָט געזאָגט: נעשה, ונשמע!

און אַז יידן האָבן שוין אָנגענומען די תורה און געהערט וואָס זי פאָדערט און זאָגט אָן, האָט מען זי דען איינגעשלאָסן אין די מוחות און די הערצער? האָט מען דען זי דורות לאַנג נישט באַהאַנדלט ווי די היינטיקע ביכער: מען האָט זי נישט באַדאַרפט האָבן!

צי האָט עמיץ פון די פּראַקטישע מענטשן זיך אַמאָל געשטעלט די פראַגע: ווי וואָלט אויסגעזען די וועלט, ווען משה רבינו וואָלט געווען געענטפערט, אַז מען דאַרף די תורה נישט אַרויסגעבן, ווייל קיינער וויל זי נישט נעמען? און צי האָט זיך ווער שוין אַמאָל געשטעלט די פראַגע וועגן אויסזען פון דער וועלט געשיכטע, ווען משה וואָלט נישט אויסגעקריצט צום צווייטן מאָל די לוחות, נאָך דער מעשה מיטן עגל הזהב? די וועלט זעט אויך נאָך מתן תורה אויס שרעקלעך, אָבער עס פלעמלט זיך דאָך פאָרט אַ זון אין איר!



און אונדזער יידישע געשיכטע, — וואָס איז די טראַגישסטע, מענטשלעכסטע און געטלעכסטע, וואָלט זי דען געווען אָן מתן תורה?...

קיינער דאַרף נישט קיין ביכער, אָבער דאָך דאַרף מען זיי אַרויסגעבן, כסדר, כסדר, און דאַן וועט קומען אַ צייט ווען מען וועט הערן און זען וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן. און איך וועל אַפילו גיין אַזוי ווייט ביז צום אַרויסזאָגן אַן אפּיקורסישן געדאַנק (פאַר מיר איז ער אוודאי אפּיקורסיש) אַז נישט נאָר דאָס אומפּראַקטישע אַרויסגעבן פון שפּעפּרישע ביכער איז וויכטיק, נאָר דאָס דרוקן שוואַכע ביכער איז אויך וויכטיק. און טאַקע דווקא דערפאַר, ווייל קיינער דאַרף קיין ביכער נישט האָבן. לאָמיר זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר־השכל פון דער נאַטור: זי איז פאַרשווענדעריש אין איר אומגעצוימטן ווילן צום לעבן.

יעדער בוים צעוואַרפט מיטן ווינט מיליאָנען זוימען, וואָס נאָר געציילטע דערפילן דעם בוימס ווילן צום ווייטער לעבן, אין דער אומענדלעכקייט אַריין. ווען אַ בוים וואָלט געווען אויסגערעכנט, פּראַקטיש, און געווען אַרויסגעגעבן בלויז עטלעכע זוימען, לויט דער צאָל וואָס בלייבן לעבן, וואָלט אַזאַ מין בוים געווען פאַרשוווּנדן פון דער אויבערפלאַך פון דער ערד. נאָר דערפאַר וואָס דער בוים פאַרשפּרייט מיליאָנען זוימען, בלייבן עטלעכע פון זיי לעבן. און וואָס מער דער באָדן אויף וועלכן ער שטייט, איז פעלזיק, אַלץ מער פאַרשווענדעריש מוז דער בוים זיין...

אויך מיטן גייסט, ווילן צום לעבן, איז דאָס זעלבע. אויך דאָ — און גראַד דאָ — מוז מען זיין אומפּראַקטיש! מען מוז פאַרזייען וואָס מער ביכער, כדי איינציקע, די שפּעפּרישע, זאָלן האָבן אַ שאַנס צו קומען אויף דער וועלט און צו ווירקן.

מיר יידן האָבן אַרויסגעגעבן אַ סך גאונים; אָבער ווי קליין איז זייער צאָל אין פאַרגלייך מיט דער צאָל ישיבה בחורים וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אויסגעהאַלטן”.

פון דער לאָגישער דיאַגנאָסטיק איז קלאָר אַרויסצוזען, — אַז מ'האָט דאָס בוך נישט געדאַרפט, עס איז לחלוטין נישט נייטיק געווען.

און נישט נאָר דאָס בוך אַליין האָט מען נישט נייטיק, — געהאַט, — נאָר ווער האָט נייטיק געהאַט הייזער, בעת מ'האָט געקענט וווינען אין היילן? ווער האָט דען געדאַרפט: גאָפּל, מעסער, טעלער, גלעזער? בעת מ'האָט געקענט רייסן מיט די הענט, האַקן מיט שטיינער און טרינקען אויס שאלן? דער זעלביקער פּראָצעס איז אויך געווען מיט מלבושים, ווער האָט דען נייטיק געהאַט אַן אָנצוג, בעת מ'איז מיט דעם פייגנבלאַט אַרומגעלאָפן? היינט ווער רעדט נאָך פון העמדער קרעגן, קראַוואַטן, שעלקעס און טאַשן־טיכלעך! נישט נאָר מען האָט עס נישט געדאַרפט, נאָר מ'איז פשוט געווען דאַגעגן און זיך געשראָקן מיט אַלע רעפאָרמאַציעס... און אויך נישט איינמאָל האָבן פאַרשיידענע רעפאָרמאַטאָרן געמוזט באַצאָלן מיט זייער לעבן פאַר די נייעסן זייערע וואָס זיי האָבן פאַר די מענטשן געבראַכט...

און צי איז עס דען נישט פונקט אַזוי אויך געווען מיט אַלע סאָציאַלע, רעליגיעזע און סתם פּראָגרעסיווע באַוועגונגען? האָט דען ווער מתחלות גע־

דאַרפט דעם סאָציאַליזם, קאָמוניזם, אַנאַרכיזם און ציוניזם ביי יידן? און פּאַרט ווערן היינט די אַלע אידייען פון מיליאָנען אָנהענגער געטראָגן אַלס אומבאַ־דינגט נויטווענדיקע צו רעאַליזירן אין לעבן.

צום ערשט, ווי שוין פריער געזאָגט, האָט דער מענטש קיינמאָל גאָרנישט באַדאַרפט. מען האָט ביי אים אַלעמאָל געמוזט די פאַרלאַנגען וואָס האָבן ביי אים געשלומערט אַפילו נאָך די נויטיקסטע זאַכן אין לעבן אויפוועקן — מיט וואָרט און שריפט, און זיי פאַר נויטווענדיק דערקלערן, — ערשט דעמאָלט האָט מען זיך אָן זיי נישט געקענט באַגיין. און די ראָלע וואָס דאָס בוך האָט געשפּילט אין דער מענטשלעכער קולטור און ציוויליזאַציע איז איצט קלאָר פאַר יעדן.

נאָר פאַרוואָס דער יידישער שרייבער און זיינע ביכער זענען, און ווערן אַזוי דערנידריקט זענען פאַראַנען אַנדערע סיבות און טעמים, — ווי דאָס אויפ־זוכן זיך אַ מעצענאַט די ביכער אַרויסצוגעבן, און ווי די אַרויסגעגעבענע ביכער אַליין זיך צו פאַרקויפן. און די טעמים זענען: ווייל עס איז פאַרנאַכלע־סיקט געוואָרן אין אַמעריקע און נאָך אַ סך מער אין ענגלאַנד דאָס יידישע שול־וועזן, דער צייטונגס וועזן, דער פאַרלאַנג, דאָס טעאַטער און בכלל דאָס יידישע וואָרט.

דער יידיש־וועלטלעכער פּראָגרעסיסט האָט געמאַכט אַ גרויסן טעות מיינענדיק: אַז נאָר מיט יידיש־לשון אַליין קען מען אויספילן די בלויזן פון די פאַרלוירענע שבתים, ימים טובים, צערעמאָניעס, טראַדיציעס און בכלל פון יידישע מנהגים, — וואָס אָן זיי בלייבט פּוסט און לער דאָס לעבן פון יחיד ווי פון כלל...

פון מתחלות אָן בעת די אימיגראַנטן האָבן זיך אָנגעהויבן איינצוגלידערן סאָציאַל און קולטורעל אינם ווירטשאַפטלעכן לעבן האָבן זיי נישט געזונג זייערע מנהגים פאַרשטאַנען. זיי האָבן אויך נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט אייגענער לשון, זיי האָבן געגלויבט אַז מען מעג אים אויסבייטן און עס איז נישט קיין גרויסער חילוק צי מען וועט זאָגן „פּאָטייטאָ" צי בולבע... מחמת דער עיקר איז נישט דאָס יידישע וואָרט נאָר דער יידישער גייסט... מ׳קען זיין „אַ ייד אין דער היים און אַ מענטש אויפן גאַס"...

עס איז אָבער נישטאָ קיין יידישער גייסט אָן יידישן וואָרט, — מחמת הא בהא תליה... און ווען מ׳האָט זיך אַרומגעזען איז עס געוואָרן אַ ביסל שפּעט. אָבער נאָך ווייט נישט צו שפּעט — אַז מען זאָל גאָרנישט קענען מתקן זיין.

וויל מען אויפציען יידישע דורות און ווייטער ממשיך זיין דעם המשך, שאַפן עולים פאַר ישראל, רעליגיעזע יידן און יידישע סאָציאַליסטן, מוז מען לערנען ליבן און אַכטן דעם יידישן שרייבער, דאָס יידישע בוך מיט דעם יידישן וואָרט. נישט מבטל זיין דעם גלות מיט זיינע גיגאַנטישע שאַפונגען.

ווייל ווען מען רייסט אויס די קולטור וואָס דער גלות האָט במשך טויזנט יאָר געשאַפן, רייסט מען צוגלייך אויך אויס די גאַנצע יידישע פאָלקס נשמה...

און דער נייער דור וואָס וועט אויסוואַקסן אין ישראל, וועט אונז אפשר דערמאָנען אַז מיר האָבן אַמאָל אַ געמיינזאַמע קינדהייט פאַרבראַכט, אָבער ער



וועט זיין פון אונז דערווייטערט ווי יעדער פרעמדער שטאַם...

דערפאַר טאָרן מיר זיך נישט קעגנזייטיק איזאָלירן, נאָר אַמאַלגאַמירן. ישראל מיטן גלות און גלות מיט ישראל — מוזן שליסן אַן אייביקן בונד, זיי מוזן זיך לערנען ליבן און שעצן דאָס יידישע וואָרט, און מיר דאָס ניי־העברע־איש. נאָר דאָס איז דער איינציקער וועג, וואָס קען אונז פירן צו אַן אמתדיקן דערפאָלג! און ווייל דער יידישער שרייבער מיטן יידישן בוך, זענען די פייער־דיקע עמודים, אויף וועלכן דער גאַנצער קולטורעלער בנין האַלט זיך אויף; דערפאַר מוז דאָס יידישע פאָלק זיי אויפהאַלטן!...

---

## יחזקאל בראַנשטיין

## וועגן בוך „אליין" פון משה שטיינגארט

דאָס נייקייט וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן ביים לייענען דאָס ערשטע בוך לידער פון משה שטיינגאַרט, איז דער אָנווענד פון זיין לשון אויף זיין ליד, וואָס איז אַנדערש און ניי אין פאָרם, כאָטש עס קלינגט אָפט באַרימעריש און עס איז זייער אויפפאַלנד דער זאָג זיינער: „מיין וועג איז טיפער, איינזאַמער, באַזונדער" — הגם עס פירט אַלצאיינס צום זעלבן, ביז ווייטיק באַקאַנטן, אומפאַרמיידלעכן, אויב נישט דורכאויס באַנאַלן — אויספּיר, פון „... שליסן אַ זיווג מיט טויט..."

שטיינגאַרט׳ס ליד האָט פון זיך כמעט אינגאַנצן אַראָפּגעוואָרפן דעם רייץ פון דעם גראַם. צוליב דעם אָבער האָט ער ניט נאָר נישט פאַרראַטן דעם ריטם פון דעם ליד, נאָר אין געגנטייל, אים גאָר פאַרגאַנצט און פאַרשטאַרקט. און כאָטש ער פאַרהערליכט כמעט זיין אַליין — זיין אין דער וועלט, און ער פאַרכלינעט זיך מיט דער אילוזיע פון פאַרוואַנדלען יעדן פונק פון זיין הארץ אין „... אַ שטערן אין דער נאַכט", טיילט ער אָבער ניט קיין אַנדערן גורל פון יעדן בשר ודם, ווי אַ מענטש בכלל און — דער עיקרשט ווי אַ יידישער דיכטער, ווי ער אַליין דריקט זיך אויס: „אַ קינד פון אַ וואַנדער־פאָלק בין איך". אויף דעם זאָגן עדות זיינע לידער פון חורבן, וואָס אייגענען זיך צו צו דיין געמיט, מיט דער עכטקייט פון אַ צאַרטן ליידנדיקן פּאָעט, אין וועמנס אייגענעם געמיט עס פינצטערט — אויף דער אָנזאָג פון „נאָוועמבער 1938", ווען —

די בלאָנדע בעסטיע איז פון וואַלד אַרויס
און מיין פאָלק איז צו הפקר געבליבן.

און ער גיט זיך אַ שבועה, אַז —

„... געליימט זאָל מיין יעדער טראָט ווערן
ווען איך וועל דיין פאַרשאָלטענע ערד באַטרעטן. (29.ז)

דערפון איז צו זעען, אַז דאָס איבערנעמען זיך מיט דעם „אַליין־זיין", זאָל זיין: אין ליד בלויז אַליין — האָט גאָר אַ פאַרקערטע ווירקונג אויף דעם דיכ־טער און דינט אים גאָר ווי אַ בריק צו די ליידן פון זיין פאָלק. אין דעם אפשר

וואַרצלט דער פּאַטאָס און אויף מעטאַפאָריק פון שטיינגאַרט׳ס ליד, וואָס צירט זיך אין דער בילדלעכקייט פון אַ שפּראַך וואָס שרפה׳ט־אויף דיין באַוואוסטזיין ביי דעם אויפזונג זיינעם —

פון צעצונדענעם וואַנזין אין דיינע אויגן
טויכן אַרויס טאַטע, מאַמע, צעוואָרפן אין קיינעמס לאַנד . . . (ז. 30).

אין קיינעמס לאַנד — דער העכסטער עטאַפּ פון מענטש־טראַגיק און פאַרצווייפלונג פון אַ דור, אין אַ וועלט פון אָפענער שנאה און גרויסער רשעות.

ווייסט ער טאַקע ניט, דער דיכטער — ווער ס׳האָט אַזוי שטאַרק
צו דער ערד מיין שטאַם פאַרבונדן
איך זאָל אייביק אָן אָפענע וואונד
אין דער וועלט פאַרבלייבן. (ז. 32

און ער בעט זיך ביי גאָט, ער זאָל אים פאַרוואַנדלען אין אַ דאָרן, אום
כ׳זאָל אין יעדנס אויגן זיך אַריינשפּיזן. (ז. 32).

און כאָטש איך טייל ניט זיין פּעסימיזם און דעם אויספּיר זיינעם פון זיין אחרית הימים, האַלט איך אָבער, אַז זיינע לידער „פון דער נאַכט אַרויס״ זיינען די כאַראַקטעריסטישסטע, אויב ניט די סאַמע בעסטע און אויך רירנדיקסטע — פון זיין ערשטער לידער זאַמלונג. און כאַראַקטעריסטיש זיינען זיי פאַר דעם יונגען דיכטער, מיט זייער מאָנען און פּאַטאָס, דערצו נאָך אין דער נייקייט פון אַ פאָרם וואָס בלענדט מיט דער אייגנאַרטיקייט פונאַ תפילה׳דיקן זאָגן און פאַרכאַפּט אויך, מיט דעם אַריינבלענד פון אַ קערנדיקן פּראָזע־טאָן אין אַ דיכטונג וואָס דערמאָנט אָן די בעסטע דערגרייכונגען פון אונדזערע אַמאָליקע אינזיכיסטן־מאָנער, די וויכטיקסטע אינאָוואַטאָרס פון אונדזערע היינטצייטיק ליד אויף יידיש.

שטיינגאַרט׳ס ליד איז דורכאויס געבויט אויף איכות און נישט אויף כמות. דאָס איז אַ זכיה און זעלטענע מדרגה בכלל, ביי אַן אָנהייבער — בפרט. אַ ליד פאַרנעמט ביי אים אין דורכשניט — איין זייט. דאָס איז אַ מעלה צו וועלכער נישט יעדער דיכטער אונדזערער איז דערוואַקסן. דערפון דער דעוויז און אוממיטלבאַרע מאָנונג „צו זיך אין דער שטיל״:

גיי, ברענג אַ בויגן פאַרמעט
און פאַרשרייב דיין דור,
פאַרשרייב אויף גיך —
איידער די זון גייט אונטער. (ז. 44)

און משה שטיינגאַרט האָט עס טאַקע געטאָן, אויף דעם רוף פון זיין הארץ און אויך געוויסן; ער האָט אויסגענוצט זיינע באַלדיק געגעבענע פּאָטענצן און באַשריבן זיין דור, קורץ און זאַכלעך — אין לידער, וואָס וועלן דינען ווי אַ דערמאָנונג אָן איינעם, וואָס האָט ביי זיינע סאַמע ערשטע טריט אין אונדזער דיכטונג ניט נאָר געוואָגט, נאָר דער עיקר׳שט — אויך געקאָנט און געוואוסט ווי אַזוי זיין דור צו פאַרשרייבן און דערביי זיין יונגע פעדער אויך ניט צו פאַרשעמען . . .



## אליהו פאלושאק

### „שפּראַך און דערציאונג״

(רעצענזיע)

עס פאַרגייט דאָך קוים אַ וואָך, אַז מען זאָל נישט שמועסן וועגן דעם קאַמף אַרום יידיש, דעם מצב פון דער יידישער ליטעראַטור היינט צו טאָג, און בכלל וועגן די אויסזיכטן פון יידיש און יידיש־שאַפן אין דער גאָרער וועלט. די דיסקוסיע איז אַ ברייטע און אַ לעבעדיקע, און ס׳איז גאָרנישט קיין חידוש, אַז עס קומט פאָר אַ „ויתרוצצו״, אַז איין מיינונג איז סותר די אַנדערע. דאָס באַשטייט און די פאָרם פון דער דיסקוסיע אַנטפּלעקן פאַר אונדז דעם אמת, אַז בנוגע יידיש גייען מיר דורך אַ פּעריאָד פון אַ קריזע, פון אַ גייסטיקער קריזע און נישט חלילה פון אַ גייסטיקער קאַטאַסטראָפע.

פון די אַרויסגעזאָגטע מיינונגען איז ווערט אַרויסצושיילן אַן אינטערע־סאַנטער געדאַנק, אַז דאָס שאַפן אין יידיש איז צו איינזייטיק. אין אַ צו שטאַר־קער מאָס דאָמינירט ביי אונדז די בעלעטריסטיק: פּאָעזיע און פּראָזע, די קור־צע דערציילונג, די נאָוועלע, דער פעליעטאָן און דער ראָמאַן, און אַמאָל אויך אַ גוטע דראַמאַטישע שאַפונג. עס פעלן אין יידיש גוטע גרינטלעך־דורכגעאַר־בעטע וויסנשאַפטלעכע ווערק, געדאַנקלעך־טיפע עסייען און פילאָזאָפישע ווערק. ווען עס ליגט אויך אַ שטיק אמת אין די אַזוי אויסגעדריקטע מיינונגען, טאָרן מיר נישט פאַרגעסן, אַז ליטעראַטור, אַלס קינסטלערישער אויסדרוק אין ווערטער, איז אַן אָפּשפּיגלונג פון צייט, אָרט און באַדינגונגען. און נאָך דעם חורבן, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט אין די לעצטע יאָרן, זענען מיר נישט געווען בכוח צו שאַפן מער.

און אפשר יאָ? נעמט אין אייער האַנט אַ בוך פון קנאַפּ 400 זייטן „שפּראַך און דערציאונג״ פון ח. בעז, (מעטאָדיק און פּראָגראַם פון יידיש־למוד אין דער עלעמענטאַר שול), אַרויסגעגעבן פון בילדונגס־קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג, ניו יאָרק, 1950, אונטער דער רעדאַקציע פון ז. יעפראָיקין, און איר וועט האָבן דעם לעבעדיקן איינדרוק, אַז מיר מאַכן נאָר דורך אַ שטיקל קריזיס, אַז יידיש איז ב״ה אַ לעבעדיקע שפּראַך, אויף וועלכער עס קען ווערן אָנגעשריבן אַן ערנסט וויסנשאַפטלעך ווערק פון אַ פיינעם פּעדאַגאָגישן ווערט.

שוין אינעם אַריינפיר זאָגט דער מחבר, אַז זיין ווערק וועט זיך באַשעפ־טיקן מיט אַ גאַנץ נייעם דערציאונגס־פּראָגראַם. „דער שווער־פּונקט איז אַלע מאָל געלעגן אויף דער סיסטעם און אויפן שטאָף. אין דער איצטיקער פּראָ־גראַם ווערט כסדר אַרויסגערוקט די פּראָבלעם פון מעטאָד״. אין זיין גוטער און גרינטלעכער אַרבעט ווייזט ער אונדז אָן, אין וואָס עס באַשטייט זיין מעטאָד.

עס איז נאַטירלעך, אַז דאָס דאָזיקע ווערק, אַרויסגעגעבן אינם גרעסטן יידישן צענטער פון אונדזער ערד־קיילעך, איז צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען פון אַ יידישן קיבוץ, וואָס לעבט אין אַן ענגליש־רעדנדיקער וועלט, אָבער עס איז נישט געזאָגט, (ווייל דער מחבר שטעלט אין פאָדערגרונט די פּראָבלעם פון מעטאָד), אַז דער זעלבער מעטאָד זאָל נישט קענען ווערן באַנוצט אין פראַנק־

רייך און אין לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער.

שוין אין זיין אָפּשניט „פּראָגראַם פאַר יידיש אין דער עלעמענטאַר־שול“ (קאַפּיטל „יידיש אין קלאַס „א“) פירט אונדז דער מחבר אַריין אין לאַבירינט פון זיין דענקען און זאָגט, אַז דאָס לערנען פון קינד אין יידיש וועט דאָס קינד נאָך נישט ברענגען צו יידיש און פאַרבינדן מיט יידישקייט. מען מוז דעם יידיש־לשון פאַרבינדן מיט פריידיקע איבערלעבונגען. „זע דאָס קינד זאָל הנאה האָבן פון אַ יידישן יום טוב. עס זאָל זיך פילן, ווי אַן אייגענער צווישן אייגענע“.

עס מוזן פאָלגן נעבן דעם למוד פון לשון יידישע שאַפונגען „סיי בעל פה, סיי בכתב. אַ מעשה, אַ ליד, אַ רעטעניש, ספורים פון חומש און פון מדרש, אַמאָל אַ פאָלקס־ווערטל“.

„די שול אַפילו פאר יונגע קינדער איז אַן אינטעלעקטועלער וואַרשטאַט, וואָס מוז לערנען דרך ארץ פאר גייסטיקער אַרבעט, פאַרן בוך, פאר יעדער שעפערישער אַרבעט פון מענטשן“.

אינם לעצטן זאַץ ליגט אַ שטיק פראגראם. דער למוד, דאָס לערנען מוז זיין לשמה, פריי פון יעדער צוועקמעסיקייט שוין פון אָנהויב אָן. די שול מוז ווערן אַן אינטעלעקטועלער וואַרשטאַט אַפילו פאר יונגע קינדער.

גאָר אַ סך פלאַץ ווידמעט דער מחבר דער ריינקייט און ריינהאַלטונג פון דער יידישער שפּראַך. אויפגעוואַקסן אין דער ענגליש־רעדנדיקער סביבה זענען די קינדערלעך געניגט צו איבערזעצן ווערטער, זאַצן און אידיאָמען אַזוי, אַז גערעדט וועט עס זיין אין יידיש, אָבער דער זין וועט זיין אַן ענגלישער. דאָס קינד וועט נישט זאָגן: „מיר געפעלט דאָס בוך“, נאָר „איך גלייך דאָס בוך“. דאָס קינד וועט זאָגן: „איר זענט ריכטיק“, ווען עס וואָלט געדארפט זאָגן: „איר זענט גערעכט“. „איך האָב אַ קאָלד“, אַנשטאָט: „איך בין פארקילט“. אָדער: „איך האָב מיך פארקילט“.

פאָר דעם יידיש־קענער בפרט און קענער פון אנדערע שפּראכן (חוץ יידיש) בכלל וועט עס נישט זיין קיין נייעס, אַז „יידיש איז אַנדערש, ווי ענגליש“. יידיש איז אַנדערש אַפילו ווי דייטש, מיט וועלכע עס האָט אַ סך לינגוויסטישע געמיינזאַמקייטן. ה. בעז זאָגט מיט רעכט: „נאָר אַ באַוווּסטזיניקע באַציאונג צו דער שפּראַך קען העלפן, אַז די תלמידים זאָלן ריידן יידיש אָן גרייזן“. אָט די באוווסטזיניקע באַציאונג צו דער שפּראך האָט געפעלט למשל דעם ענגליש־יידישן ישוב פאר די לעצטע צוויי דורות. ווארום וואָלט אַזאַ מין באוווסטזיניקע אינטעליגענטע באציאונג צו יידיש־לשון געווען אַ ממשותדיקער פאקט, וואָלט די יידישע עם הארצות דאָ נישט געפייערט אָזעלכע טריומפן.

ה. בעז פרעגט מיט רעכט: „וואָס דארף זיין דער מעטאָדישער צוגאנג?“ און ער ענטפערט:

א) אַטאַקירן די ספעציפישע אנדערשקייט און זיך געניטן אין דער יידישער פאָרם;

ב) געבן קאָלעקטיווע איבערזעצונגען מיט דערקלערונגען און אַנאַליז;



ג) פון יידישן טעקסט אויסטיילן פון צייט צו צייט די אָדער יענע ספעציפישע יידיש־פאָרעם און זי באַנוצן אין אַ קורצן שמועס, אין אַ דיקטאַט, קאָלעקטיווער דערציילונג א.ד.ג.

און דער מחבר ברענגט אַ רייע ביישפילן פון שמועסן און זאַץ־בילדונגען, וואָס באַווייזן די ריכטיקייט פון זיין מעטאָדישן צוגאנג און די אַנדערשקייט פון יידיש בנוגע ענגליש.

אינם קאַפּיטל „לערנען אויסלייגן“ זאָגט ה. בעז, אַז אויך דער יידישער אויסלייג (בלע"ז Spelling ) באַזירט אויף דריי פּרינציפּן: דעם פאָנעטישן, דעם מאָרפאָלאָגישן און דעם היסטאָרישן. אפשר וואָלט געווען כדאי, דעם מאָרפאָלאָגישן אויסלייג אָנצורופן: דעם שורשדיקן פרינציפּ? (לעבט, זאָגט, בלאָזט, — ווערטער וואָס קלינגען ווי „לעפּט“, „זאָקט“, „בלאָסט“ ווערן געשריבן מיט „ב“, „ג“ און ז“, ווייל שורשדיק שטאַמען זיי פון לעבן, זאָגן, בלאָזן).

דער מחבר ענטוויקלט זיין מעטאָדיק פאַר דעם חינוך אין יידיש פאר די קלאַסן א, ב, ג און ד; זיינע געמאכטע דערפארונגען אין די לערן־פאַכן פון לייענען און שרייבן, דיקטאט, שמועסן און קאָמפּאָזיציעס; איבערזעצונגען און אַנאַליזן פון געלייענטע זאכן ביז ער קומט צו צוויי וויכטיקע פונקטן אין דער דערציאונג פון יעדן מאָדערנעם יידישן קינד: די נאציאָנאלע און סאָציאַלע דערציאונג. „די נאציאנאלע און עטישע דערציאונג פון קינד מוז אין דער יידישער שול פארנעמען אַ גרויסן אָרט. זי מוז זיך אָנהייבן אין די יינגסטע קלאַסן, אָבער איר אמתע ווירקונג זעט מען ערשט אין די העכערע קלאַסן פון שול“. (ה. בעז אינם קאַפּיטל „די נאַציאָנאַלע דערציאונג“). דאָס איז אויך גילטיק פאר דעם סאָציאַלן מאָמענט אין דערציאונג.

יידישע דערציאונג אָדער דערציאונג אין יידיש קען גאָרנישט ווערן געדאכט און אויסגעפירט אָן דער יידישער ליטעראַטור אַלס הילפסמיטל אָדער באזונדער פאך. „יידישע ליטעראַטור קען ווערן אַ גרויסער דערציערישער כוח אין לעבן פון קינד“.

אינם קאפיטל „די יידישע שול און די יידישע ליטעראַטור“ אנטוויקלט ה. בעז געדאנקען, וואָס גייען ווייט אַרויס פונם ראַמען פון אַ נאָר פעדאַגאָגיש בוך. דאָס מאָדערנע לעבן, זאָגט ער, ליידט פון אַן אויסצערונג פון געפיל. „דער קריזיס פון אונדזער קולטור איז דער קריזיס פון דערהייבן די טעכניק איבער דער ממשלה פון גייסט“. אָדער אין אַנדערע ווערטער: אַ מאָדערנע פאַלש־פאַרשטאַנענע און צו שטארק פארגעטערטע ציוויליזאציע האָט פארשטויסן אָדער פארמינערט די קולטור. עס מוז קומען צו אַן אויסגלייך פון דער ממשלה פון גייסט און מאטעריע, פון קולטור און טעכניק, פון קונסט און וויסנשאפט.

יידישע ליטעראַטור מוז ווערן אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין דער דערציאונג פונם יידישן קינד. יידישע ליטעראַטור נישט פון איר קלאַסישן אָנהויב אַליין, נאָר שוין פון פריער אָן: דאָס פאָלקס־ליד און די רעטעניש, די פאָלקס־מעשה און דאָס קינסטלערישע ליד, די דערציילונג און נאָוועלע; שאַפונגען אין שייכות מיט יידישע ימים טובים, טעג פון יזכר א.אז.וו.

איך וויל אָפּשליסן מיט דעם דאָזיקן ציטאַט פון דעם אינהאַלטרייכן ווערק:

יידישע דערציאונג דאַרף קענען נערן און פולער מאַכן דאָס געפיל פון דורותדיקייט; גרייט, וואָך האַלטן די חושים און די נשמה פון קינד עס זאָל קענען באַרירט ווערן, אָנגעהויכט ווערן און געשטאַרקט ווערן פון די קולטור־שאַפונגען פון דורות; אויפהיטן אַ געמיט, וואָס איז אָפן פאַר די השפעות, וואָס גרייכן ווייטער, ווי די ד׳ אמות פון אַן איינציקן דור.

„אָן דעם געפיל פעלט אונדז דער באַריר מיט די כחות פון אונדזער פאָלקס־קיום. דאָס געפיל — און נישט קענטנישן, ידיעות — איז די מאָס פון אמת׳ער דערגרייכונג אין יידישער דערציאונג. אַז דאָס געפיל איז פאַראַן, וועט עס אינטעגרירן, באַהעפטן און שטאַרקן אַלע אַנדערע כחות און השפעות. אָן דעם וועט אַלץ צופאַלן, פאַרגעסן ווערן, אויסגעוועפּט ווערן...״

## אפרים טויבענהויז

# פון דער ליטעראַרישער וועלט אין ישראל

## פייערליכער ליטעראַריש־קינסטלערישער אוונט אין תל־אביב

די ליבשאַפט פון יידישן לעזער צום יידישן שרייבער איז געקומען צום אויסדרוק ביים ליטעראַרישן אָוונט, וואו ס׳האָבן זיך באַטייליגט: דוד פינסקי, יואל מאַסטבוים, א. מ. פוקס און אַנדערע באַריהמטע יידישע שרייבער פון דער אַלטער היים.

דוד פינסקי, וועטעראַן פון דער יידישער ליטעראַטור האָט באַטאָנט, אַז די יידישע ליטעראַטור איז אויסגעוואַרעמט געוואָרן פון׳ם יידישן פאָלקס־ווילן, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט די יידיש־שאַפנדע כוחות און ער האָט דערמאָנט דעם אויפטו פון׳ם אומפאַרגעסליכן י. ל. פרץ, וואָס פלאַטערט ביז איצט ווי אַ פאָן פאַר דער יידישער ליטעראַטור.

דוד פינסקי האָט אָנגעוויזן, אַז יידיש איז אויך איצט אַ פאַקטאָר אין גייסטיקן לעבן פון די מאַסן אין ישראל, נישט נאָר ביי די פּילע עולים, נאָר אויך ביי די אַלטע תושבים פון אַלטן און נייעם ישוב.

איך — אונטערשטרייכט פינסקי — בין געשטאַנען ביים וויגל פון דער יידישער ליטעראַטור און בין געווען אַ שאַפנדיקער עדות, ווי אַזוי פון דעם פאַראַכטעטן זשאַרגאָן האָט זיך אַנטוויקלט אַ מייסטערהאַפטע שפּראַך. דאָס איז געווען דער כוח און דער נס פון יידיש. ישראל איז די צוקונפט פון יידישן פאָלק. אַ מדינה קאָן זיך ערלויבן צו האָבן נאָר איין שפּראַך, אַ פאָלק אָבער, קאָן האָבן דעם גייסטיקן כוח זיך אויסצודריקן אין צוויי שפּראַכן און אין זייערע ליטעראַטורן. דאָס פאָלק ווערט דערמיט גייסטיק באַרייכערט.



דער באַקאַנטער שרייבער יואל מאַסטבוים גיט איבער נישט קיין פריילעכע גרוסן פון ענגלאַנד, וואו ס׳איז איצט אונטערגעגאַנגען די דאָרטיגע יידישע איינציגע צייטונג; פון בעלגיע און האָלאַנד גיט ער איבער, אַז אין די יידישע ישובים הערשט אַ יאוש־שטימונג, מיט אַ מורא פאַרן מאָרגנדיגן טאָג. די דאָזיגע אומזיכערקייט שוואַכט אָפּ די ענערגיעס פון יידישן לעבן אין חוץ לארץ. אָבער די שטיקער יידיש לעבן, וואָס זענען פאַרבליבן נאָכ׳ן חורבן, לעבן מיט דער האָפנונג פון ישראל. יואל מאַסטבוים דריקט אויס זיין צופרידנ־קייט, וואָס דוד פינסקי, ערן־פאָרזיצער פון פאַראיין, האָט אונז באַערט מיט זיין דערשיינען צום ערשטן אָוונט, וואו איז געווידמעט דער יידישער ליטעראַטור.

דער באַרימטער שרייבער א. מ. פוקס רעדט אַרום די נויטן פון יידישן שרייבער אין מדינת ישראל. ער דריקט אויס, אַז די אמונה איז זייער גרויס, אַז יידן וועלן איצט שאַפן אין דער גאָרער וועלט און ער איז פול מיט גלויבן אין די שאַפונגס־כוחות פון יידיש־נאַציאָנאַלן גייסט אין ישראל און די תפוצות פון פאָלק ווי אַן אינטעגראַלע גאַנצקייט. א. מ. פוקס זאָגט ווייטער: מיר ווילן אבסאָלוט נישט קיין שפּראַכן קאָנפליקט אין ישראל, נאָר אַ געהעריגן פּלאַץ פאַר דער יידישער ליטעראַטור. ווייל דאָס קומט איר לויט דעם ווערט פון די גרויסע גייסטיקע ווערק, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין דער יידישער ליטעראַטור. יעדער גייסטיק קריטישער קאַמף האָט ביי אונז יידן תמיד געפירט צו אַ העכערער מדרגה, אנהויבנדיג פון די תנאים ביז צו אונזערע טעג. אויב יידישע שרייבער קומען אין ישראל, וואו די הערשענדע שפּראַך איז העברעאיש, איז דאָס אַ סימן, אַז ס׳איז פאַראַן אַ כוח וואָס פירט זיי אויפ׳ן גלייכן וועג, אַז זיי פילן די גורל־פראַגע פון יידישן פאָלק און דעם אָטעם פון דער צייט.

רחל אויערבאַך, י. פאַפּיערניקאָוו האָבן נאָך אַרומגערעדט די פאַרשידענע ענינים פון יידישן שרייבער און שרה אור, מרים יזהר, יעקב מאַנסדאָרף האָבן אונטערגעהאַלטן דעם עולם אינ׳ם קינסטלערישן טייל פון דאָזיגן פייערליכן אָוונט, וואָס איז געקומען אויסדרוקן די נייע קינסטלערישע פאָרמען פונ׳ם יידישן קינסטלער אין ישראל.

דער דאָזיגער אָוונט איז געווען אַ פייערליכע מאַניפעסטאַציע, אַ שענע אינהאַלטרייכע דעמאָנסטראַציע פאַר׳ן יידיש־גייסטיקן שאַפן אין ישראל.

## די פאַרזאַמלונג ביי „פריינט פון יידיש לשון״

זייער אַ גרויסער און אינטעליגענטער עולם האָט זיך פאַרזאַמלט זונטאָג, דעם 21־טן יאַנואַר, אין זאַל פון אַרבעטער רינג, צו דעם יערלעכן מיטינג פון דער אויבנדערמאָנטער אָרגאַניזאַציע.

אַ חוץ די מיטגלידער, האָט זיך אויך געפונען דאָרט אַ גרויסע צאָל פריינט און מיטגלידער פון ארבעטער רינג.

א. נ. שטענצל האָט געפירט דעם פאָרזיץ.

באַלד ביים אָנהויב האָט זיך דערפילט אַ וואַרימע און באַגייסטערטע שטימונג צווישן אַלע ביייועזנדע.

נאָך דעם ווי דער פאָרזיצער האָט באַגריסט די מיטגלידער און געסט פון אָוונט, און האָט באַלייכטעט די נויטווענדיקייט פון דער אינסטיטוציע, „לשון און לעבן״, און פון די שבת נאָכמיטאָגס, וועלכע ווערן אָנגעפירט בלויז פון געציילטע מיטגלידער, וואָס טראָגן אויף זיך די פליכט פון צו האַלטן פאַרשיידענע פאָרטראַגן, פאָרלעזונגען, דעקלאַמאַציעס, א.ד.ג. וועלכע זענען זייער באַלערנד פאַר דעם גרויסן עולם, וואָס פאַרזאַמלט זיך אין בערנארד באַראָן אינסטיטוט, יעדן שבת נאָכמיטאָג, אָט דאָס אַליין, באַטאָנט דער רעדנער, ווייזט אויף די וויכטיקייט פון דער אונטערנעמונג, און מיר מוזן זיך באַמיען דאָס אויפצוהאַלטן, ווייל עס איז דאָס איינציקע יידישע אָרט אין ווייטשעפּל, מיט וועלכן אַ „יידישער״ ייד און פרוי פילן זיך היימיש, און האָבן אַ שטיקל באַגריף פון אונזער ליטעראַטור.

נאָכהער נעמט דאָס וואָרט דער פּרעזידענט, אונזער גוטער פריינט משה עובד.

משה עובד רעדט אויך פון דער וויכטיקייט פון שטיצן די אָרגאַניזאַציע. ער באַמיט זיך צו טאָן אַלעס מעגלעכעס, סיי פינאַנציעל, סיי מאָראַליש און ער טוט עס מיטן גרעסטן פאַרגעניגן. ער אַרבעט אויך פאַר אַנדערע קערפּערשאַפטן, אָבער קיינע פון זיי איז אים נישט אַזוי ליב און טייער ווי „לשון און לעבן״, ווייל ער פילט און פאַרשטייט ווי וויכטיק עס איז אויפצוהאַלטן דאָס יידישע וואָרט, איבערהויפּט אין דער איצטיקער קריטישער צייט, ווען אונזער מאַמע־לשון איז אַרומגערינגלט מיט שונאים, וועלכע זוכן איר אונטערגאַנג. ער פאַרזיכערט, אַז ער צוזאַמען מיט „לשון און לעבן״, וועט שטיין אויף דער וואַך, אויפצוהאַלטן אונזער יידיש וואָרט, ווי לאַנג עס וועט נאָר מעגלעך זיין.

די פריינט רובין און ביטש, סעקרעטאַר און טרעזשורער, געבן אָפּ אַ גענויעם פינאַנציעלן רעפּאָרט פון דעם גאַנצן יאָר. דער באַלאַנס איז נישט ווי עס וואָלט באַדאַרפט צו זיין, און ביטש מאַכט אַן אַפּיל פאַר נייע מיטגלידער. דער אָפּרוף איז זייער אַ גונסטיקער, זייער פיל פאַרשרייבן זיך אַלס מיטגלידער און צאָלן גלייכצייטיק איין פאַר אַ יאָר אָבצאָל געלט.

עס ווערט ערוועלט אַ ענגער קאָמיטעט, צו באַהאַנדלען די נויטיקע פראַגן און וועלכע דאַרפן זיך טרעפן איינמאָל אין וואָך. עס גייען אַריין אין קאָמיטעט: ביטש, רובין, רחל מירסקי און אַנדערע. פּרעזידענט: משה עובד; פאָרזיצער: י. נ. שטענצל.

דער טעכנישער קאָמיטעט: מרס. טאַבאַטשניק, מרס. שפּיגעלמאַן, מרס. גלאַסמאַן, מרס. סוקעניק, זשעני האַט, י. א. ליסקי, בן ציון שולמאַן, און מר. און מרס. בלום.

שרייבערישע געסט פון אָוונט זענען געווען רחל דאַניאַך, אסתר קרייטמאַן און איר מאַן, י. א. ליסקי, צבי אָרנשטיין, קייטי בראַון, אליה פאַלושאַק, מר. און מרס. לעמעל, מר. מ. מינדעל און מרס. זאַלקין, און נאָך איינינקע, וועלכע



אויב איך דערמאָן זיי ניט, בעט איך ענטשולדיקונג, ווייל עס איז פשוט שווער צו געדענקען.

שפּעטער האָט מען אַביסל פאַרבראַכט אויפן היימישן אופן, ביי אַ גלעזל טיי מיט צובייסן, און דער עיקר מיט ישראל־פירות, ווייל ס׳איז „פּונקט״ געפאַלן די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון „פריינט פון יידיש לשון״ אין חמשה־עשר־בשבט. און אין אַ געהויבענער שטימונג, מיט אַ צוזאָג פאַר גוטע אַרבעט אויף דעם נייעם יאָר, האָט זיך דער אָוונט געענדיקט.

גיטל.

## „פאַר אונזערע קינדער״

נאָך אַ קורצער הפסקה איז ווידער דערשינען העפט 3־4 פון דער פיינער חודש־שריפט „פאַר אונדזערע קינדער״ (די איינציקע אין גאַנץ אייראָפּע) מיט זייער אַ רייכהאַלטיקן אינהאַלט פון רעדאַקטאָר משה וואַלדמאַן, מלך ראַוויטש, יאַנוש קאָרטשינסקי, י. ח. קאָרענהענדלער, י. פּאַפּיערניקאָוו, וואוו, מ. ביאַלאַדוואָרסקי, ד. ב. מאַלקין, א. ב. שוואַרצמאַן, דר. ל. קורלאַנד, איידאַ זינגער, מ. וו. אַדאַם, און מיט לידער פון: ה. לייוויק, משה קנאַפּהיים, משה דוד גיסער, אברהם זאַק, אברהם לעוו, י. ה. לעווי, דניאל טשאַרני, א. פּלאַסנער, מיכל געלבאַרד און פּערל האַלטער.

עס געפינט זיך אין די העפטן אויך אַ גאָר פיינע צייכענונג צו אַ כעלמער מעשה פון דעם באַוווסטן גרויסן יידישן מאָלער בען.

ווידער מאַכט די חודש־שריפט דעם בעסטן איינדרוק אַ דאַנק דער געוויסנהאַפטיקער רעדאַקציע און גוט־פּעדאַגאָגיש אויסגעוויילטן מאַטעריאַל פון רעדאַקטאָר מ. וואַלדמאַן.

אַ באַזונדערס דערפרייענדיקן איינדרוק מאַכן די בריוולעך פון אונדזער ליבער קליינער כאַליאַסטרע, — די ייִנגעלעך און מיידעלעך וועלכע געפינען זיך אויך דאָרט, הלוואי אויף לאַנגע, לאַנגע יאָרן!

יאַהילעוו.

## לאָנדאָנער קולטור־ידיעות

אסתר קרייטמאַן איז צוריקגעקומען פונם קאָנטינענט. זי פילט זיך בעסער און זי נעמט ווידער אָנטייל אין אונזער סביבה.

✶ ✶

די טענצערין רות בערגנער פון אויסטראַליע, וויילט איצט דאָ אין לאָנדאָן, אויף איר צוריק־רייזע פון ישראל.

די שוישפּילערין קלאַרע מייזעלס, טרעט אַרויס אין טעלעוויזשן, זונטאָג דעם 4־טן און דאָנערשטאָג דעם 8־טן פעברואַר אין דער ענגליש יידישער פּיעסע „קאָנסילער עט לאָא״ פון עריק מילער, רעזשי עריך פּאָוסעט, מיטן אָנטייל פון אברהם סופר.

✶ ✶

די „תל־אביב“ פיעסע, וואָס ווערט געשפּילט אין גרענד פּאַלעי טעאַטער, אונטער דער דירעקציע פון יצחק קרעלמאַן, נעמט שטאַרק אויס.

✶ ✶

„סילועטן אין שפּיגל“, אַ בוך לידער און צייכענינגען פון ס. פּאַלמע דערשיינט דעם חודש.

✶ ✶

אין גלאַזגוי אויף די מוזיקאַלישע און קונסט־פייערינגען וואָס וועלן אָנגיין דעם גאַנצן חודש, איז אויך אַ גרויסע אויסשטעלונג פון יידישע ביכער און קונסט־בילדער און אויך אַ סעריע פון יידיש־מוזיקאַלישע אָוונטן זיינען צוגעגרייט.

✶ ✶

די אַקטריסע עטאַ טאָפּל איז פייערלעך אויפגענומען געוואָרן ביי די יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס, זי איז וואַרעם באַגריסט געוואָרן, איר באַריכט פון דער קולטור טעטיקייט אין זיד־אפריקע איז געווען זייער דערפרייענדיק.

הרב יהושיע שפּעטמאַן, דער מחבר פון די יידיש־ספרים „חבלי הנשמה ומסור היהדות“ און די „קונטרס ה־אמת“, גיט איצט אַרויס אַ חבור פון חסידישע דערציילונגען „בגליפון“, אַ טייל פון די דערציילונגען, וואָס האָבן זיך בשעתם געדריקט אין פּוילן האָבן געמאַכט אַ פיינעם רושם.

✶ ✶

דר. קרוק, וואָס איז אויסגעוויילט געוואָרן איצט ווי דער פּרעזידענט פון דער אָזע־געזעלשאַפט, ווערט דערוואַרט דעם חודש ביי אונז דאָ אין לאָנדאָן.

✶ ✶

די שוישפּילערין דאָראַ דימאַנט, איז זייט אַ צייט אין שפּיטאל. מיר ווינשן איר אַ רפואה שלימה.

✶ ✶

די יידישע פרויען סעקציע ביים אַרבעטער־רינג, וועלכע טוט גוטע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־אַרבעט, האָט געפייערט איר 25־טן יובל מיט אַ באַנקעט.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

**(אין בערנארד־באראן סעטלמענט, 33 בערנער סטריט, א.1. — 3 אַ זייגער)**

שבת, דעם 3־טן פעברואַר, איבער דוד בערגעלסאָנס שאַפן און לעבן.

שבת, דעם 10־טן — שלמה אוערבאך, איבער דער מאָדערנער העברעאישער פּאָעזיע.

שבת, דעם 17־טן — אליהו פּאלושאק: „די פּאָליטישע לאַגע איצט“.

שבת, דעם 24־טן — געווידמעט אסתר קרייטמאַן.



✶ **אין חדר אריין** . . 10 שילינג
✶ **אין זכות פון די טעג** . . 5 שילינג
✶ **זינגענדע רעיונות** . . 7 שילינג 6 פענס
✶ **די גאולה שעה** . . 7 שילינג 6 פענס
✶ **וויזיאנען און איידעלשטיינער** . . 1 פונט
(אין דריי טיילן, אילוסטרירט)

**די ביכער צו באַקומען דירעקט פון מחבר:—**
MOSHE OVED, 26 *Museum Street, London, W.C.*1.

**זונטאג, דעם 25־טן פעברואר, 8 אַזייגער אין בן־אורי, פּאָרטמאַן סט., וו.1.**

**„דאס יידישע שאפן אין אמעריקע“**

עס באַטייליקן זיך: משה עובד, י. ביעטש, אליהו פּאַלושאַק, נעט רובין.
פאָרזיץ: א. נ. שטענצל.

**א ניי בוך פון ש. טענענבוים**

**„אין גאט׳ס געשטאלט“**

דאָס בוך האָט הונדערט מיניאטורן, קליינע געשיכטן און פאַרצייכנונגען. אויסער דעם, — צוועלף עסייען איבער אַזעלכע געשטאלטן, ווי: ר׳ משה איבן עזרא, עמנואל הרומי, שעקספּיר, פּאָו, וואַן גאָג, לייוויק, הירשביין, בימקא, איציק מאַנגער, יעקב גלאַטשטיין, דר. עמנואל וועליקאַווסקי און אַנדערע.

די יידישע קינסטלער יהודה טאפּעל און חיים גראס, האָבן אילוסטריט מיט פּרעכטיקע צייכנונגען ש. טענענבוים׳ס נייעם בוך: „אין גאָט׳ס געשטאלט“.

„אין גאָט׳ס געשטאלט“ האָט געקראָגן די צבי קעסעל־ליטעראַטור־פּרעמיע אין מעקסיקאָ סיטי.

„אין גאָט׳ס געשטאלט“ איז שיין אַרויסגעגעבן, אויף פּראַכטפולן פּאַפּיר, געדרוקט מיט אַ פיינער, קינסטלערישער הילע אויפן שער־בלאַט. עס האָלט 256 זייטן.

צוזאַמען מיטן קינפטיקן באנד „דיכטער און דורות — 5 דאָלאַר.

מיט באַשטעלונגען זיך צו ווענדן צום מחבר:
Shea Tenenbaum, 353 Central Park West, New York 25, N.Y.

אונזער טיפן מיטלייד מיט דער משפּחה **שלמה זיסמאן** און פרוי (פאָרזיצער פון דער געוועזענער יידיש־וועלטלעכע שול ביים אַרבעטער רינג) צום פּלוצלינגען טויט פון זייער זון **ערווין**.

מיר פילן מיט אייער שווערן פארלוסט.

„פריינט פון יידיש לשון“ און די קולטור־קאָמיסיע ביים אַרבייטער־רינג.

134

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 4 (העפט 135) **צוועלפטער יארגאנג** אַפּריל 1951 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט:


1. פרילינג־טעג, פסח־טעג — זמן־חרותנו; 2. אַן אונטערגעוואָרפענער ממזר ביים סדר; 3. די ווייטשעפל־אַנטאָלאָגיע......** 1
שביעי של פסח ביי חסידים..........הרב יהושע שפעטמאַן 7
יוחנן יאָחטשיק (אַ תל־אביב׳ער טיפּ)..........יוסף נוימאַן 10
תנ״ך׳ישע געשטאַלטן..........דר. יעקב י. מייטליס 13
נאָכמיטאָג אויף אַ בערגל (ליד)..........עדנאָ סעינט ווינסענט מיליי 20
אין די גאַסן פון ירושלים—פרילינג און צייט־לידער..........א. נ. שטענצל 21
דריי צייכנס (געשטאַלטן פון דער פען מלאכה)..........א. מ. קייזער 26
קאַשמאַרן (סצעניש) .......... בן־א. סאָכאַטשעווסקי 29
באַגריסונג צו ס. ליוועך..........קייטי בראַון 32
בייגל (קאַפּיטל פונם ראָמאַן „שבעה“)..........לעאָ קעניג 33
מאַמע יידיש (ליד)..........יוסף הלל לעווי 36
צייכענונג .......... ב ן 38
דער קרומער שפּיגל..........אליהו פאָלושאַק 39
אַ בריוו פונם קולטור קאָנגרעס.......... 42
אַ בריוו פון משה עובד .......... 43
אַ בריוו פון דאָראַ דימאַנט .......... 44
מאיר צעלניקער .......... י. דאָרפזאָן 45
עטאַ טאָפּעל געזעגנט זיך..........ס. פאַלמע 46
דער מאָדערנער שמשון הגבור. בן ציון קליין 47
יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס.......... 48




שמשון הגבו״ר, זייט 47

**פּרייז: 1 שילינג און 6 פּענים**

אַבאָנענטס־פּרייז:—19/6 פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד:—5 דאָלאַר אַ יאָר

1/9 פאַר אַ פּראָבע נומער


*By Appointment, Dealer in Antiques to H.M. Queen Mary*

**CAMEO CORNER**

**ALMANAC OF JEWELS**

exhibited monthly in the main window

| | |
|---|---|
| *January* | *Renaissance Jewellery.* |
| *February* | *Boxes.* |
| *March* | *Sculpture by Mosheh Oved.* |
| *April* | *Curios.* |
| *May* | *Stuart Jewellery.* |
| *June* | *Children's Jewellery.* |
| *July* | *Cameos and Intaglios.* |
| *August* | *Georgian and Victorian Jewellery.* |
| *September* | *Antique Jewish Ornaments.* |
| *October* | *Oriental Jewellery.* |
| *November* | *Precious and semi-precious Stones.* |
| *December* | *Devotional Jewels and Christmas Presents.* |

**26 MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1**

*Museum* 0401

CLOSED ALL DAY SATURDAYS

**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*Manufacturers of*

*Knitted Goods and Sportswear*

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**



*Published and Edited by* A. N. Stencl, 50, Philpot St., London, E.1

*Printed in England by the Narod Press*, 129-131 *Cavell St., London, E.*1